STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01423

# BAYM SHVEL

Sz. Horonczyk

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Mildred Zagelbaum*
*in honor of Arthur Zagelbaum on his 50th Birthday*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. האָראָנטשיק



# בײַם שוועל

„קינדער־פרײַנד", וואַרשע

# און טאַטן

די מומע מאַשע מיט אַן איבערגעהאַנגען טוך איבער די פּלייצעס, פון הינטער וועלכן דער הויקער שפּאַרט איר אַרויס, ווי אַן אומבאַקוועמטע לאַסט, נעמט ביניאָמינען אָן ביי דער האַנט:

– קינד, וועסט דיך פאַרקילן! קום, וועסטו ביי מיר שלאָפן... ראַנע שייגעץ, פונקט היינט האָט זי געמוזט אָוועקפאָרן...

זי רעדט נאָך, נאָר ביניאָמין רייסט אַרויס זיין האַנט, גייט אַרויס פאַר דער טיר. דאָרט פאַרפאָרט דעם פעטער דאָווידס קאַרעטע פון דאָרף. צוויי ווייבער פירן אַרויס די מומע פעסע, זעצן זי אַריין אין דער קאַרעטע, זיי טרייסטן זי: „גאָט קאָן נאָך העלפן, ביי אים אין הימל איז אַלץ מעגלעך". די קאַרעטע פאָרט אָפּ.

און ווידער איז אַ טאָג. די קוילעס אין טאַטנס שטוב קומען אַזוי אומאויפהערלעך, אַז זיי ווערן שוין באַלד נישט. דערנאָך הערן די געשרייען מיט איינמאָל אויף...

אַ מידע נאָכמיטאָגדיקע זון ליגט איבערן הויף. ביניאָמין און לייבל דער מומע כאַנעס זיצן אויפן הויף ווייט אין צווייטן עק, אויף אַ לייטער וואָס שטייט לעבן אַ היי-בוידעם. ביניאָמין וויל נאָך עפּעס גיין אין שטוב. דאָס הויז איז פול מיט מענטשן פון גאַס. די מומע מאַשע זיצט אויף דער ערד, די קאָפּקע האָט זיך איר אַראָפּגערוקט, זי שלאָגט זיך קאָפּ אין דער ערד און וויינט... ביניאָמין האָט אַזעלכעס נאָך קיינמאָל נישט געזען. אַ ווייל שטייט ער ווי פאַרגאַפט, צוקוקנדיק ווי אַ מענטש שלאָגט זיך דעם אייגענעם קאָפּ אין דער ערד. יאָמער-געשרייען וועקן אים אויף פון זיין פאַרבליפטקייט. ער איילט אַריין. די שטוב איז אויך פול מיט מענטשן. ליכט ברענען, אויפן טיש שטייען פלעשלעך מעדיצין. דער אוילעם דאַוונט עפּעס שאָקלענדיק זיך אין דער זייט, ווו דעם טאַטנס בעט שטייט...

– האָסט שוין נישט קיין טאַטן! – הערט ביניאָמין הינטער זיך.

עפעס גיט אים אַ בליק אויף אין קאָפּ, אַן איימע באַ-פאַלט אים. ער נעמט שרײַען. איימע און שרעק פלאַטערן אין אים. אָן זײַן וויסן נעמען זײַנע הענט רײַסן פון זיך די מאַל-בושים, עס ווערט אים פינצטער אין די אויגן...

...דערנאָך געפינט זיך בינימין בײַ דער מומע ראָנען. אין הויף דאָרט זיצט ייִסראָעל נויעך און אַווראָמעלע אויף אַ בענקל. זיי וויגן זיך מיטן בענקל און פלײַסן זיך אַראָפּצו-וואַרפן איינער דעם צווייטן. בינימין דערמאָנט זיך, אַז דער טאַטע לעבט שוין נישט מער. ער לויפט אַרײַן אין דער פּוס-טער שטוב. דאָרט איז איצט ליידיק און לויז. ער וואַרפט זיך אויף דער ערד, דאָס פּאָנעם פאַרגראָבן אין די הענט.

...בינימין האָט געזען ווי מ׳האָט דעם טאַטן, אַ באַדעקטן מיט שוואַרץ געוואַנט, אַראָפּגעלאָזט אין אָפענעם קייווער. עמע-צער מיט אַ געעפנט מעסער אין האַנט האָט זיך צוגעבויגן צו בינימינען, אָנגעכאַפּט זײַן קלאַפּע פון רעקל און גע-וואָלט אײַנשנײַדן. אַן אַנדערער האָט אים אָפּגעהאַלטן מיט אַ פרעג:

— ווי אַלט איז ער דען?

באַלד איז געוואָרן אַ געפּילדער ווי אויף אַ יאַריד:

— צען יאָר ערשט — מ׳דאַרף נישט.

— נישט שנײַדן...

— ווער הייסט דען שנײַדן?...

— קוירייע זײַן טוט מען ערשט פון דרײַצן יאָר.

— איך שנײַד דען? — כ׳האָב געמיינט...

— און איך זאָג, ר׳גייט שוין שנײַדן! ערשט מוז מען פרעגן.

— גראָבע יונגען, אַלץ ווייסן זיי...

דערפאַר מאַלקען האָט מען יאָ אײַנגעשניטן אין קליידל, מ׳האָט זי געהייסן נאָכזאָגן אַ פּאָר ווערטער און מער אײַנ-רײַסן דאָס געשניטענע. זי האָט ערנסט געטון וואָס מ׳האָט זי געהייסן און די טרערן זענען איר שטיל פון די אויגן געראָנען.

נאָך דער לעווײַע אַהיימקומענדיק, האָט מען די קינדער אַרײַנגעפירט צו דער מוטער, מ׳האָט זיי פריִער געלערנט וואָס

זיי זאָלן רעדן. בּיניאָמין מיט ייִסראָעל נויעכן בּײַ דער האַנט זענען צוזאַמען אַרײַנגעגאַנגען. די מוטער איז געלעגן אין בּעט. זי האָט די קינדער לאַנג באַטראַכט און רויִק געפרעגט:

— וואָס מאַכט דער טאַטע?

ייִסראָעל נויעך האָט עפּעס אָנגעהויבן צו פּרעפּלען בּיניאָמין האָט גיך געענטפערט לויט ווי מ׳האָט אים געהייסן:

— דער טאַטע — בּעסער. ער שלאָפט.

— „ער שלאָפט״ — האָט די מוטער איבערגעכאַזערט בּיניאָמינס ווערטער און שיִער זיך צעלאַכט אויף אַ קאָל — אַוואַדע שלאָפט ער. אוי, שלאָפט ער. און זי האָט זיך געוואָנדן צו ייִסראָעל נויעכן ווי מיט אַ געבּייזער:

— וואָס רעדסטו גאָרנישט?

נאָר נאָך איידער ייִסראָעל נויעך האָט עפּעס אָנגעהויבן צו רעדן און נאָך איידער בּיניאָמינען איז געלונגען אים אומבּאַמערקט אַ שלעפּ צו טון בּײַם הענטל, ער זאָל נישט רעדן וואָס מ׳באַדאַרף נישט - האָט די מוטער עפּעס ווי באַזונען זיך. זי האָט אָנגעהויבן שטיל און געגאַנגען אַלץ העכער און העכער:

— ער שלאָפט, מײַן מאַן... שמועל, דו שלאָפסט, דעם אייבּיקן שלאָף שלאָפסטו, און מיך האָסטו איבּערגעלאָזט... שמועל! שמועל!...—זי איז זיך פאַרגאַנגען אין ספּאַזמעס. מ׳האָט די קינדער אַרויסגעפירט פון שטוב...

...און די וועלט איז נישט אונטערגעגאַנגען. דער טאַטע איז געלעגן אין דער ערד און דאָס לעבן איז זיך ווײַטער געגאַנגען ווי בּיז אַהער. טאָג און נאַכט, זון און רעגן..

בּײַ דער מומע כאַנען אין געוועלב איז געווען אַ סאַך קוינים. צו דער מומע ראַנען איז געקומען אַ גוטער בריוו פון מאַן. מ׳האָט אים באַפרײַט פון טפיסע, נאָר פאַרשיקט מיט אַ טערמין אין איינער אַ גרויסער רוסישער שטאָט. און ווי נאָר ער איז אַהין אָנגעקומען און גענומען האַנדלען, האָט ער געשריבן בריוו צום ווײַב, אַז ער שאַרט גאָלד, אַז ווער עס האָט נאָר אַ

פונק סייכל אין קאָפּ און איז נישט קיין פוילער, שאַרט גאָלד אין די גאַסן...

אומעטום האָט דאָס לעבן זיך געפירט ווי שטענדיק, אַמאָל פאַרוואָלקנט אויף אַ ווײַל און אַמאָל צוריק אויסגעלײַטערט מיט אַ שטראַל זון. נאָר בײַ ביניאָמינען אין דער היים איז איצט גע־ווען שטענדיק טרויעריק. ביניאָמין מיט יִשׂראָעל נויעכן זענען צוויי מאָל אין טאָג געגאַנגען קאַדיש זאָגן. מאַלקע האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן, זיי זאָלן כאָלילע נישט פאַרשפּעטיקן מיטן גיין קאַדיש זאָגן. מאַלקע איז איצט שוין געווען די גאַנצע באַ־לעבאָסטע אין שטוב. ס׳האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן, אַז דעם טאַטנס פאַרמעגן איז געווען שטאַרק איבערטריבן. צוזאַ־מען מיטן טאַטנס טויט, איז דאָס גאַנצע פאַרמעגן ווי אויסגע־רונען געוואָרן. דעם טאַטנס געשעפטן האָט קיינער נישט געוווּסט. די מאַמע איז, קראַנק געווען און מיטאַמאָל איז די שטוב גע־בליבן אָן פּאַרנאָסע און ס׳איז באַלד שוין נישט געווען קיין גראָשן אין שטוב...

ט׳איז שוין טיף-טיף אין זומער אַרײַן און די מוטער איז נאָך אַלץ קראַנק. זי איז געבליבן אין בעט, נישט גע־ווײנט, נישט געזיפצט, נאָר גערעדט קינדערישע רייד. פּאַטשט זיך אין די הענט און לאַכט ווי אַ קינד, וואָס האָט נאָך נישט קיין סייכל...

אין אַ ט די טעג איז אַמאָל דער פעטער דאָוויד פון דאָרף אַראָפּגעפאַלן פון אַ פערד און זיך דעם רוקן צעבראָכן. מ׳האָט אים אַוועקגעפירט איבער דער גרענעץ צו אַ דאָקטאָר. ער האָט דאָרט געקרענקט אַ פּאָר וואָכן און פּונקט ווי ביניאָ־מינס פאָטער יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט.

נאָך זײַן טויט איז דאָס ווײַב נישט לאַנג געבליבן אין דאָרף און אַרום די יאָנטויווים זיך אַוועקגעצויגן פון דאָרף ערגעץ אין אַ גרויסער ווײַטער שטאָט און מער האָט מען נישט געזען און נישט געהערט פון איר.

ס׳איז אָנגעקומען דער האַרבסט און די מוטער איז נאָך

אַלץ געלעגן אין בעט. אין שטוב איז שוין נישט געווען קיין דינסטן, די מומע מאַשע פלעגט קומען אַמאָל צוהעלפן דער אָרעמער יעסוימע פירן די ווירטשאַפט.

איינמאָל אין אַזאַ טאָג באַלד נאָך סוקעס איז פּלוצלונג אַרײַנגעקומען די אַמאָליקע ניאַניע ביניאָמינס, אַרײַנגעקומען אין קיך און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול.

איצט האָט מאַלקע זי שוין נישט באַליידיקט. זי איז געפאַלן דער ניאַניע אויפן האַלדז און לאַנג און הייס געוויינט. די ניאַניע אָבער האָט נישט געלאָזט וויינען. זי האָט זיך אַ נעם געטון צו דער אַרבעט, צוגערוימט די שטובן, זיך אַ שטעל געטון צו דער פּליטע...

די ניאַניע האָט דערפילט, אַז אין שטוב פעלט דער גראָשן — און פּלוצלונג פאַרפאָרט אַמאָל אַ פויערישער וואָגן אויפן הויף אָנגעשיט פול מיט קאַרטאָפל.

— פאַר וועמען איז דאָס? — וווּנדערט זיך מאַלקע.

און די ניאַניע פרעגט אונטערטעניק:

— איך וויל בעטן די פרײַלן, מיר צו דערלויבן בײַ אײַך אין קעלער אָפּצולייגן דאָס ביסל, וואָס כ'האָב מיר פאַרדינט בײַם אויסקאָפּען קאַרטאָפל הײַער.

און צומאָרגנס קומט זי ווידער מיט אַ באַקאָשע:

— כ'האָב אַ פאָר כאַדאָשים געקליבן אין וואַלד האָלץ, איצט האָב איך עס נישט ווו צו לייגן.

און קאָרן האָט די ניאַניע געבראַכט פון די זאַנגען, וואָס זי האָט אָנגעקליבן אין פעלד און... אין שטוב איז ווידער געווען וואָס צו עסן.

ערשט אַרום כאַנוקע-צײַט איז די מאַמע אַראָפּ פון בעט און אָנגעהויבן אַרומצוקריכן אין שטוב. זי איז נישט געווען מער די אַמאָליקע פרוי גריף. ס'איז געווען אַן אָרעמע, קראַנקע, צעבראָכענע ייִדענע; אַפילו נישט קיין שאָטן פון דער פריִערדיקער.

אַז אַ ייִדענע מיט אַ קוישל האָט זי טיטולירט „מאַדאַם",

האָט די מאַמע זיך שיִער נישט צעוויינט און צוויסן געטון:

— רופט מיך נישט „מאַדאַם", איך בין אַן אָרעמע אַל־מאָנע, אַזאַ מאַדאַם ווו איר.

כאַיע ריווקע איז געווען ווידער אַ מאַמע צו אירע קינדער־ניין, נישט בלויז אַ מאָמע נאָר אַ טאַטע, מיט אַ מאַמען צוזאַמען, אַן אַלמאָנע פון קוים איבער דרײַסיק יאָר אַלט מיט פיר יעסוי־מים, וואָס דאָס ייִנגסטע איז נאָך נישט אַ יאָר אַלט געווען — און איצט איז פאַר איר מיט פײַערדיקע אויסיִעס געשטאַנען די פראַגע:

פונוואַנען נעמט מען פּאַרנאָסע?

## 8. אין שווערן לעבן

דער מומע מאַשעס מאַן, לייזער מיטן צעדריוולטן ברוינעם בערדל, בלינדן אויג און נישט קלאָרער אויסשפּראַך, האָט דער מאַמען אָנגעטראָגן אַ מיסכער צו פאַרקויפן כאַלאָקימווײַז לאָ־טעריע־צעטלעך פון אַן אויסלענדישער לאָטעריע. ער איז אָפט דערוועגן אַרײַנגעקומען און דער מאַמען דעם קאָפּ געלעכערט מיט די גליקן, וואָס שטייען פאַר בײַ דעם דאָזיקן לאָטעריע־האַנדל:

— מאַשער (רײַך) ווערן קאָן מען בײַ אַ לאָטעריע אין אַן איינס־צוויי...

דער פעטער לייזער רעדט נישט קלאָר, שטאָט „מאַשער" קומט בײַ אים אַרויס „מאַאַנטשער". די קינדער לאַכן און כאַפּן פון דער מוטער אַ פּסאַק.

ביניאָמינען איז גלאַט נישט ניכע, וואָס דער בעבליאַק איז געוואָרן בײַ זיי אין שטוב אַ בען־באַיִס און וואָס די מאַמע הערט זיך צו אים צו. אָבער אַפאָנים אַז קיין אַנדערע ברייררע איז שוין נישט געווען און ביניאָמינען געפרעגט האָט מען אויך נישט — די מאַמע האָט זיך געלאָזט אָנרעדן.

און אַט איז שוין די מאַמע אַ קאָלעקטאָרקע. מאַלקע העלפט איר צו אין מיסכער...

אַך, די זיפצן, קרעכצן און טרערן מיט וועלכע די שטוב איז איצט שטענדיק פול — דאָס מאַכט אַזוי אָפּהענטיק, לייגט זיך אַזוי שווער אויפן געמיט, אַז דאָס זיצן אין כיידער איז פאַר ביניאָמינען אַ דערלייכטערונג קעגן דער מאָרעשכוירעדיקער היים.

צוליב דעם לאָטעריע־מיסכער דאַרף די מאַמע אַ סאַך זײַן אין גאַס. זי וועט דאָך נישט סטאַם אַרומקריכן אין ד' גאַסן — שטייט זי בײַם פּעטער יאָסל פאַרן געוועלב, אָנגעטון האַלב אַלמאָנעדיק, האַלב ווי אַמאָל, קוקט אין מאַרק אַרײַן און זוכט קוינים אויף לאָטעריע־צעטלעך, אויף אַ גאַנצן אָדער אויף אַ ביילעקל.

אַז אין געוועלב איז דאָ אַ סאַך קוינים, נוצט די מאַמע אויך פאַר אַ האַנט־לאַנג — העלפט אויך אַביסל אומגיין מיט די קוינים... פון דער מומע כאַנען האָט דאָרט די מאַמע אַ סאַך אַגמעס־נעפעש און בלוט־פאַרגיסונגען. אַנומלטן ערשט גיט זי אַ פרעג:

— כאַיע ריווקע, ס'איז דיר נישט קאַלט אין די פיס?

און אַז די מאַמע האָט האַלב געענטפערט „ניין", ווײַל זי האָט נישט געוואָלט דערפון מאַכן קיין געברויך, האָט די מומע כאַנע אָנגעהויבן מיט אַ טכינע־קאָל:

— אַמאָל איז דיר אין דער היים קאַלט געווען אין די אויס־געבעטעטע שיך און הײַנט — אַזוי, אַזוי מײַן ליבע שוועגערין.

די מאַמע וויינט אין דער היים פון כאַנעס בלוט פאַרגיסן איר. זי וויינט, אַז די קינדער זאָלן נישט זען, אָבער מ'דערקענט, אַז זי האָט געוויינט — די אויגן זענען איר רויט. אין ביניאָמי־נען צעברענט זיך ס'בלוט. ער קלערט פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי זיך נויקעם צו זײַן אין דער שלעכטער מומען און איר מרו־קעוואַטן מאַן. מאַלקע טרייסט די מאַמע:

— קעדײַ זיך צו מאַכן פון כאַנעס רייד, זי ווייסט דען וואָס זי פּלאַפּלט?

און דאָס איז אייגנטלעך וואָר: אין דער גאַנצער שטאָט

ווייסט מען נישט אַנדערש ווי „די מעשוגענע כאַנע” און זי איז טאַקע מעשוגע, די דאָזיקע כאַנע, כאָטש זי איז דעם פאַרשטאָר־בענעמס טאַטנס שוועסטער. דאַרף זיך דעריבער די מאַמע נישט צו מאַכן קיין אַגמעסנעפעש. אָבער עס קרענקט פאָרט. די מאַמע וויינט און בינימין טראַכט:

„גאָט, האָסט די מאַמע געמאַכט פאַר אַן אַלמאָנע, מיך פאַר אַ יאָסעם — אַלץ נעם איך פאַר ליב, נאָר גיב מיר די געלעגנ־הייט זיך אין זיי נויקעם צו זײַן פאַר די קרענקענישן, פאַר די בושעס וואָס זיי טוען אָן דער מאַמען”.

ווי אַזוי זאָל די נעקאָמע אויסזען? בינימין שטעלט זי זיך פאָר פאַרשידן: אָט לעמאָשל דער מאַמען קען אַמאָל איבער־בלײַבן אַ לאָטעריע־צעטל און אויף דעם צעטל זאָל אַרויס דאָס גרויסע געווינס. אוי, וואָלט דאָס דעמאָלט שיין געווען!... דער פעטער יאָסל וועט קומען בעטן, מ׳זאָל אים באָרגן געלט...

אָבער אַזאַ מין נעקאָמע באַפרידיקט גישט בינימינס צע־רייצטן געמיט, ער וויל זען שלעכטס בײַ זיי דאָרט, אָט לעמאָשל אַ סרייפע, אַלץ זאָל זיי אַוועקגיין מיטן רויך. אָ, יאָ, דאָס טאַקע; און ער „זעט”, ווי דער פעטער יאָסל מיט דער מומע כאַנען, ניס־ראָפים, שלעפן זיך בעטלען פון איין שטאָט אין דער צווייטער און שלאָפן אין העקדעש. הינטער זיי קריכן נאָך לייבל, פראַדל, פערל. ער טראַכט אַזוי לאַנג און אַזוי טיף אַרײַן און ער זעט עס אַזוי געגוי ביז.. ביז עס נעמט אים אָן אַ ראַכמאָנעס אויף זײַנע אומגליקלעכע קרויווים. ניין — אַזוי טויג נישט, ער וויל נישט זען עמעצן אומגליקלעך צוליב אים. זאָל זיי ליבערשט גאָט אַרײַנגעבן אַ גוט האַרץ מיטצופילן זײַן אומגליקלעכער מוטער. און ער דער־מאָנט זיך גלײַך פאַקטן וואָס באַווײַזן, אַז זיי זענען נאָך פאָרט נישט די ערגסטע — און אָט איז שוין בינימינס האַרץ ווייך און גוט צו זײַנע קרויווים, ווי ער וואָלט זיי אָט פון אַ סאַקאָנע מאַציל געווען און ער פאַרענדיקט טראַכטן: נאָך אַלעם איז פאָרט די מומע כאַנע זײַן פאַרשטאָרבענעם פאָטערס לײַבלעכע שוועסטער. אײַ, זי איז נישט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זײַן? קיינער איז נישט אַזוי ווי עס דאַרף צו זײַן. אַפילע יאָ — וואָס עמעס איז עמעס —

אַפילו זײַן אײגענע מאַמע איז אויך נישט שטענדיק ווי זי דאַרף צו זײַן. נאָך הײַנט האָט זי מאַלקען ליבער פאַר אים. נאָר מאַלקע אַרט אים שוין נישט. מאַלקע אַרבעט דאָך, העלפט אין דער פּאַר־נאָסע, אָבער אַפילו ייִסראָעל נויעכן — קרענקט עס ביניאָמינען.

טראַכטן איז אָבער פּאַרט נאָר בלויז — טראַכטן. די מאַמע קומט אַלץ אָפטער אַהײם מיט אויסגעוויינטע אויגן. און ביניאָמין האָט צאַר...

דער שטענדיק שטילער, אַרטיקער ביניאָמין איז געוואָרן צערײצט און פאַרביטערט. דאָס אַלץ, וואָס איז איצט נאָכן טאַטנס טויט געוואָרן אַנדערש ווי פריִער, האָט דעם צעניעריקן ביני־אָמינען געבראַכט צו פאַרצווייפלונג. זײַן ביטערניש האָט געזוכט אַן אויסוועג און ער איז געוואָרן אַ לעהאַכעסניק, אַן אָפּטוער, איי־נער פון די גרעסטע לאָבוסעס פון צווישן די באַלעבאַטישע קינ־דער אין שטאָט...

האָט ער אין ווינטערדיקע אָוונטן פאַר די געוועלבער אָדער הויז־טירן אָנגעגאָסן וואַסער, ס'זאָל ביז אינדערפרי אָנפרירן, פאַר־בײַגייער זאָלן זיך אויסגליטשן; האָט ער געשטעלט „סטראַשיד־לעס" אויף די פּלויטן אָפּצושרעקן קליינע קינדער און דערוואַק־סענע פאַכדאָנים; האָט ער נאָך אַנדערע אָפּטועכצער געטון...

מ'איז געקומען צו לויפן צו דער מוטער זיך קלאָגן. די מוטער האָט געוויינט, פאַרשאָלטן זיך די יאָרן און טעג, אַז דער טאַטע האָט נישט קיין רו אין קייווער, ווײַל זײַן נאָמען ווערט אַרומגעשלעפּט אין לײַטנס מײַלער: שמועלס יונג האָט דאָס גע־טון, שמועלס יונג האָט יענץ געטון...

ביניאָמינען האָט ס'האַרץ וויי געטון, אָבער בעסער געוואָרן איז ער נישט. ער האָט נישט געקאָנט בעסער ווערן. דאָס אָפּטון אויף לעהאַכעס איז בײַ אים געווען אַ מוז, עס האָט אַביסל גע־קילט זײַן פאַרביטערטקייט.

דער פראָסט ברענט, די זון שײַנט, ס'איז אַסאָרע בעטיי־וועס — אַ טאָנעס — מ'לערנט נאָר ביז פאַרנאַכט. אין כיידער

פילן זיך הײַנט די טאַלמידים אַביסל פרײַער, אײנציקװײַז גאַנװעט מען זיך אַרױס — קלומערשט מ׳דאַרף אױפן הױף — צו גליטשן זיך הינטערן רעבנס הײַזל אױפן געפרױרענעם טײַכל. אַז בינאָמין קומט אַרױס, איז שױן אַ האַלב כײדער ײִנגלעך אין דרױסן, גליטשן זיך, װײַזן קונצן. דער מעלאַמעד קוקט זיך מיט־אַמאָל אַרום, אַז אַ האַלב כײדער איז אים צעקראָכן.

— װוּ זענען זײ אַלע? — פרעגט ער די געבליבענע.

אײנער פון זײ, דער געלער בײניש מיט די זומער־שפרענקעלעך, זאָגט:

— רעבע, אױף דער גליטש זענען זײ געלאָפן, זיך גליטשן.

דער מעלאַמעד גורט אָן זײַנע לענדן מיט גרױס גרימצאָרן און גײט אַלײן אַרױס אַרײַנשלעפן זײַנע טאַלמידים. ער װיל זײ איבערראַשן—כאַפן גלײַך בײַם דעם פאַרברעכן—שטעלט ער זיך אײַן און גײט אױף דער גליטש. גײן אָבער אױפן גלאַנציקן אײַז, איז פאַר דעם גרױען קרענקלעכן ײִדן נישט פון די לײַכטע זאַכן. ער שטאָלפערט און װאַקלט זיך װי אַ שיקער אױף אַ געװעקסטער דיל... עטלעכע ײִנגלעך דערזען דעם מעלאַמעד פון װײַטן, טראָגן זײ זיך אָפּ פון אײַז דורך אַן אַנדערער זײַט צוריק אין כײדער אַרײַן. בינאָמין איז פונקט פאַרקאָכט אין גליטשן, ער באַװײַזט בערײעשקײטן אױפן אײַז, מאַכט אַ שוסטער־בענקל — גליטשט זיך אײַנגעבױגן, קלאַפנדיק זיך מיט דער פױסט אױף דער קני, מײַסע שוסטער אױפן בענקל—גיט ער אַזױ אומגעריכט אַ פאָר אונטער דעם שטאָלפערדיקן רעבן הינטערװײַלעכץ און — בענץ! דער רעבע גיט אַ פאַל אום װי אַ שטײן, אַ זעץ געבנדיק מיטן קאָפּ אָן אײַז, אַז ס׳הילכט אַזש אָפּ.

בינאָמין קוקט זיך אַרום, װאָס ער האָט דאָ אומגערן אָפּ־געטון. ער האָט שױן מוירע צו בלײַבן, ער לױפט אַראָפּ פון דער גליטש דורך אַ װײַטערדיקער זײַט. דאָרט אין עק איז אַ שטיק אײַז אױפגעהאַקט דורך די װעשינס צו נעמען װאַסער — קױם מיט אַ דין הײַטל באַצױגן. דאָס אײַז ברעכט זיך און בינאָמין טונקט זיך אונטער ביזן האַלדז, ער קומט אַרױס נאַס װי אַ קאַץ. פון

פראָסט ווערט דאָס אָנטועכץ אויף אים געפרוירן, שטײַף, ווי עס וואָלט געווען פון בלעך.

אַהיים איז ווײַט. בינאָמין לויפט אַרײַן אין נאָענטן בעס-מעדרעש. דער אויוון איז דאָרט אײַנגעהייצט. די געפרוי-רענע שויבן — באַגאָסן מיט דער צונטער-רויטער פאַרגייענדיקער ווינטער-זון.

בינאָמין זעצט זיך אונטערן הייסן אויוון. פון זײַנע אויפ-געטײַעטע מאַלבושים זעצט אַ פּאַרע. דערווײַל קומען צוזאַמען ייִדן צו מינכע דאַוונען. עמעץ באַמערקט, אַז אַרום בינאָמינען איז אַ קאַלוזשע וואַסער. ער ווײַזט דאָס די אַנדערע.

— שייגעץ איינער — וואַרפט זיך איינער אויף בינאָמינען — וואָס האָסטו געטון אין אַ מאָקעם-קאָדעש? קראַנק ביסטו אַרויס-צוגיין, אַז דו דאַרפסט...

בינאָמין קאָן כאַפּן קלעפּ.

בינאָמין לויפט אַהיים פון בעסמעדרעש אין די נאָך האַלב נאַסע מאַלבושים דורך די פראָסטיקע פאַרנעפּלטע אָוונטיקע גאַסן. ער לייגט זיך אין בעט אַרײַן, קריגט היץ און קרענקט אָפּ אַ פּאָר טעג.

אויפגעשטאַנען פון בעט, ווערט בינאָמין אויף אַ צײַט רו-יִקער, אַרטיקער, גייט אין כיידער און אינדערפרי און פאַרנאַכט און בעסמעדרעש קאַדיש זאָגן. אין דער היים איז אַ גרויקייט און נויט.

ס'מאַכט זיך איינמאָל, בײַ דער פרוי פרידבערג פרעגלט מען שמאַלץ אויף פּייסעך, האָט זי אַ באַרג גריוון. שיקט זי אַ היפשן טעלער דערפון צו דער שאָכנטע, דער גריפּן — מעהאַנע צו זײַן די אַלמאָנע נעבעך מיט די יעסוימים. ייִסראָעל נויעך דערזעט אין דער היים דעם טעלער גריוון, לויפט ער אָנזאָגן די בסורע בינאָמינען, פאַלט ער אַרײַן אין בעסמעדרעש און שיסט אַרויס:

— בינאָמין, אויף נאַכטעסן האָט די מאַמע גריוון!...

בינאָמין ווערט אַ צעקאָכטער אויפן ברודער. פון בושע קומען אים טרערן אין די אויגן. ער איז מאַפסיק פון דער שמוינע

עסרע קנײַפּנדיק דעם ברודער. ייִסראָעל נויען שעמט זיך אויך. ער וויינט און רײַבט זיך די אויגן. ווען נישט דעם קאַדיש, וואָס זיי מוזן אָפּוואַרטן, וואָלטן זיי גלײַך אַנטלאָפן פון דאַנען.

אין כיידער גייט ביניאָמינען אויך נישט ווי צום בעסטן. די מאַמע קאָן נישט צאָלן רעבע-געלט ווי אַלע, צאָלט זי ווייני-קער און נישט אויפן כוידעש נאָר אויף דער וואָך. יעדן פרײַטיק ברענגט ביניאָמין צום רעבן אַ פּאָר מאַטבייעס און טיילמאָל — גאָרנישט. דער רעבע באַהאַנדלט אים דערפאַר ווי אַ שטיפקינד און מאַכט אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אָפּגעטוענע לאָבוסע-רײַען פון די ייִנגלעך פון רײַכע טאַטעס.

דאָך טרעפט זיך אויך אַ היימלעכער אָוונט. נאָך פון דרויסן— אַהיימקומנדיק פונכיידער — זעט ביניאָמין, אַז עפּעס ברענט אין שטוב דער גרויסער לאָמפּ. ס׳האַרץ גיט אין אים אַ טענצל און אַ גרויסע נײַגעריקייט פלאַטערט אין אים אויף, אַז ער פליט שוין אַהיים זען וואָס דאָרטן איז.

און ס׳איז טאַקע. געסט זענען דאָ. די פרוי שטערלינג מיט די קינדער, לושע און מייער. אין שטוב ברענט דער הענגלאָמפּ, אויפן טיש איז אויסגעשפּרייט דאָס טישטעך. די צוויי מאַמעס זיצן איינע לעבן די אַנדערע, ווי אַמאָל אין די גוטע צײַטן, און שמועסן, די קינדער זיצן בײַם טיש און שפּילן אין לאָטער ייקע ביניאָמין ווערט באַלד אַרײַנגענומען אין רעדל, ער פאַרגעסט גאָר, אַז אַהיימגעקומען איז ער אַ הונגעריקער. די אויגן גליִען אים, די באַקן פלאַמען. ער וואָלט אַזוי אומגעגעסן אָפּגעזעסן כ׳וויס נישט ווי לאַנג, אַבי ס׳זאָל דאָ אויסזען ווי אַמאָל...

נאָכן זאַט שפּילן זיך שיקט די פרוי שטערלינג די קינדער קויפן גוטע זאַכן אויף נאַכטעסן. אַלע צוזאַמען זיצן און עסן בײַם טיש און די מאַמעס קוקן צו.

ס׳איז נישט אַזוי ווײַט דאָס עסן די נישטגעוויינלעכע גוטע זאַכן, ווי דאָס זיצן צוזאַמען ווי גלײַכע מיט גלײַכע... מאַלקע רעדט מיט לושען וועגן דער שול און וועגן ביכער, פונקט ווי זי וואָלט נישט געווען „אַ צוהעלפערין אין דער היים אין דער

פֿאַרנאָסע״, ווי די מאַמע רופֿט דאָס. נאָר וואָלט נאָך געלערנט אין שול.

און נאָך זייער אַוועקגיין, שוין ליגנדיק אויפֿן געלעגער, וואַרעמט נאָך דער גוט פֿאַרבראַכטער אָוונט, און מאָרגן איבערמאָרגן און ווײַטער געדענקט עס זיך נאָך...

אָבער אַלע אַנדערע טעג און אָוונטן איז נישט גאָר פֿריילעך. אָט איז שוין פּורים. ביניאָמין פֿלעגט אַזוי ליב האָבן דעם דאָזיקן פֿרײַען האַלב וואָכעדיקן פֿריילעכן יאָנטעוו! אָבער דאָס יאָר זעט זיך בײַ זיי אין שטוב דער פּורים גאָרנישט אָן. ס׳איז נאָך עלנדער און טרויעריקער ווי אין אַן אַנדערן טאָג. אַפֿילו מאַלקעס פּרוּוון אויפֿצוהײַטערן די שטוביקע גיבן זיך הײַנט נישט אײַן. די ווערטלעך פֿאַלן ווי שטיינדלעך געוואָרפֿן פֿון אַ נישטגעשיקטער האַנט.

און נאָך פּורים צו פּייסעך צו איז אויך נישט פֿריילעך.

אין כיידער קנעלט דער רעבע אַ יאָנטעוודיקן „שיִער״ מיט אַ פּשעטל... מ׳האָרעוועט ווי די פֿערד אין שפּאַן, שווייס און טרערן גיסן זיך טײַכנווײַז און בלוט — פֿון רעבנס אַ זעץ אין דער נאָז אָדער אין די ציין עמעצן. ביניאָמין זיצט מיט אַלע בײַם טיש בײַ די אָפֿענע געמאָרעס און טראַכט: צו וואָס טויג מיר דאָס פּשעטל? פֿאַר וועמען וועל איך דאָס זאָגן אין דער היים?...

ער לערנט עס אָן כיישעק און באַקומט גאָרנישט אַזוי געשלאָגן, ווײַל ערשטנס איז ער אַ יאָסעם נאָך דאָס ערשטע יאָר און ווידער אַרום: די מאַמע זײַנע צאָלט נישט אַזוי גוט און אַזוי פּינקטלעך — איז ער פֿון די מינדסטע אין כיידער צום לערנען, פֿאַראַן וויכטיקערע פֿון אים, סײַדן ער כאַפּט אַזוי אַמאָל אַ זעץ, ווײַל דער מעלאַמעד דאַרף גראָד אויף עמעצן דעם קאַס אויסצולאָדענען און טיילמאָל אויך גלאַט אַזוי, ער זאָל מוירע האָבן, ער זאָל נישט מיינען, דער יונג, אַז ס׳איז העפּקער די וועלט:—קיין פֿאָטער האָט ער נישט וואָס זאָל אים מאַצדיק זײַן, דאַרף ער, דער מעלאַמעד האָבן גאָט אין האַרץ

(כאָטש מ׳באַצאָלט אים אַזוי געמיין) און מיטן רימען דערמאָנען אים פון צײַט צו צײַט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט — —

און ס׳רוקן זיך טעג אַלץ נענטער און נענטער צום פּיי-סעך. ס׳איז קלאָר, אַז קיין נײַע רעקלעך וועלן הײַער אויף פּייסעך נישט זײַן, נישט פאַר ביניאָמינען און נישט פאַר יִסראָ-על נויעכן. דאָס אָרט, אָרט שטאַרק און נאָך מער אָרט, וואָס די סיידער-נאַכט וועט ער, דער עלפיעריקער ביניאָמין, זײַן דער „מיילעך", דער סיידער-אָפּרעכטער... און אַז דאָס וועט זײַן גי-כער אַ טישעבאָוו איידער אַ סיידער-נאַכט — דאָס איז זיכער... אָבער טרויערן ווילט זיך קנאַפּ. ס׳איז וואַרעם, דער לעצטער שניי צעגייט שוין, ס׳איז זוניק, לופטיק און גוט און אָן נײַע רעק-לעך איז אויך גוט—די זוניקע גאַס איז פאַר אַלע. און אַז די מאַמע וויינט — די מאַמע וויינט אַזוי פיל און אַזוי אָפט, אַז עס רירט שוין גאָרנישט.

מ׳לויפט אַרויס אין גאַס, דרויסן איז פריילעך, זוניק, וואַ-רעם, היימלעך. ס׳איז אָנגענעם זיך אַ לאָז צו געבן לויפן, שפּרינ-גען און בריקעווען ווי אַ לאָשעקל און מ׳פאַרגעסט אין אַלעם טרוי-עריקן פון שטוב. און אַז עס וועט נישט זײַן אויף פּייסעך קיין נײַ רעקל — פאַרגעסט זיך אויך לײַכט.

אַמאָליקע צײַטן האָבן ביניאָמין און יִסראָעל נויעך געהאַט איבער זיך איין איינציקן מאַדריך און באַפעלער — דעם טאַטן. הײַנט איז יעדער איינציקער איבער זיי אַ דייע-זאָגער.

— ביסט געווען קאַדיש זאָגן? — פרעגט אין פאַרבײַגיין סטאַם עפּעס אַ ייִד מיט אַ קאָלטענעוואַטער באָרד, מײַסע טאַטע-אַ יאָסעם דאַרפט נישט אַרומצולויפן, נאָר זיצן אין בעסמעדרעש און זיך כאַזערן דאָס לערנען פון כיידער.

ס׳איז זומער אויף דער וועלט, אין טײַכל איז אַ מעכײַע זיך צו באָדן, אויף די לאָנקעס און פעלדער קען מען געפינען נעסטן פון פייגל; אין די סעדער איז שוין אויך עפּעס דאָ אויפצו-טון — און אַרויפצוקריגן זיך אויפן פּלויט איז גאָר נישט אַזוי

שווער. מער ווי — אין ערגסטן פֿאַל — אָפּרײַסן אַ נאָגעוויצע פֿון די הויזן — קאָן מען נישט אײַנשטעלן. איז אין מיטן אײַלן מיט די כאַווײרים ערגעץ גיט עמיץ אַ כאַפּ ביניאָמינען בײַם אויער, רײַסט און רעדט מײַסע געדינגענער אויפֿזועער:

— וואַהין, שײגעץ אײנער? מײנסט, אַז דו האָסט נישט קײן טאַטן, ביסטו שוין אָן אָל, אויכער דו!... — און אַז ס׳איז נאָענט, גיט אים נאָך דער דאָזיקער ייִד — ווייסט אים דער טײַוול ווער ער איז — אַ פֿיר אַרײַן אין שטוב צו דער מוטער מיט אַ טײַנע, פֿאַרוואָס זי לאָזט אים אַרומלויפֿן און נאָך ערגער איז, אַז יענער פֿירט אים אַזוי אַרײַן אין געוועלב און גיט אים איבער אין פֿעטער יאָסלס הענט.

און אָט ווינען זיי שוין אין דער זעלבער דירע אויך נישט. אַ טאָג צי צווײ נאָך שעוועס איז פֿאָרגעקומען דאָס איבערציִען. ס׳איז געווען מיט געוויין און טרערן... די איצטיקע דירע איז אַ קלענערע, אין זעלבן הויז, אין דער אָפּיציגע אויפֿן גאָרן איבערן שנײַדער, וואָס איבער זײַן מײדל האָט אַמאָל ביניאָמין געהאַט כאַרפּעס. די איצטיקע דירע איז קוים אַ שטיבל מיט אַ קיכל, אָבער עס איז היימלעכער ווי אין יענער, די זון שײַנט אַרײַן אין בײדע פֿענצטער. נאָר דער איקער — די דירע דערמאָנט ווייניקער פֿון אַמאָל — און די מאַמע ווײנט נישט אַזויפֿיל. אַ ביסל מעבל האָבן זיי אָפּפֿאַרקויפֿט, באַקומען אַ פּאָר רובל.

די פֿרוי שטערלינג מיט די קינדער איז אַוועקגעפֿאָרן אויף איבער די זומער־כאַדאָשים. לושע איז געקומען זיך געזעגנען מיט מאַלקען. לושע איז געווען באַגײַסטערט פֿון דער פֿאָרשטייענדיקער רײַזע. זי האָט זיך מיט מאַלקען געקושט. מאַלקע האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. מיט ביניאָמינען האָט זיך לושע קימאַט ווי נישט געזעגנט, אָפּילע די האַנט אים נישט דערלאַנגט. זי האָט אין דער וועלט אַרײַן געזאָגט: „אַדיע, דאָווידזעניאַ”, מײנענדיק מינעסטאַם ביניאָמינען אויך.

דעם זעלבן טאָג פֿאַרנאַכט האָט ביניאָמין צופֿעליק באַ־

געגנט מייערן. מייער האָט זיך מיט אים געזעגנט מײַסע כאַ-
ווער:

— בלײַב געזונט, ביניאָמין, די מאַמע פאָרט מיט אונדז איבער דער גרענעץ.

— וואָהין? — האָט ביניאָמין געפרעגט סטאָם.

— כ'ווייס נישט, כ'האָב פאַרגעסן ווי דאָס אָרט הייסט. אין אַ באָד, נישט גאָר ווײַט.

— צי דאַרפסטו דען האָבן בעדער? — פרעגט ביניאָמין ווײַטער.

— אַ באָד, זאָגט די מאַמע, שאַדט קיינעם נישט. גוטע לופט.

— אויף ווי לאַנג פאָרסטו? — פרעגט ביניאָמין צו-לעצט.

— אויף צוויי כאַדאָשים — איז געווען דער ענטפער.

נאָכן זעזעגענען האָט מייער מעכאַבעד געווען ביניאָמינען מיט אַ קאַרמעלקע. ביניאָמין האָט די קאַרמעלקע גענומען. ס'איז געווען אַ קאַרמעלקע פון אַ גאָר געהויבענעם סאָרט. ווי לאָהעט ער איז נישט אויף נאַשוואַרג, האָט ביניאָמין די קאַרמעלקע נישט אויפ-געגעסן, נאָר באַהאַלטן אין קעשענע. אין דער היים האָט ער זי זאָרגעוודיק פאַרפאַקט, אַוועקגעלייגט אויף אַן אָרט, וווּ קיינער קומט נישט צו און ער האָט די קאַרמעלקע געהאַלטן די גאַנ-צע צוויי כאַדאָשים, אָנקוקנדיק זי פון מאָל צו מאָל פאַרנאַכט-צײַט.

ערשט אַז די משפחה שטערלינג איז שוין צוריק געווען, און מייער האָט אַביסל באַרימעריש אָנדערציילט ניסים ווענינפ-לאָעס, וואָס ער האָט זיך אַלץ אָנגעזען אויף דער נעסיִע — האָט ביניאָמין מיט אַ קאַלטער גלײַכגילטיקייט אויפגעוויקלט די קאַרמעלקע פון די פאַרשידענע פאַרפאַקונגען, און אין דער לעצטער רעגע, ווען ער האָט די ראָזע פלייִשיקע קאַרמעלקע געהאַלטן בײַם מויל, האָט ער זי פלוצלונג אַ וואָרף געטון אין גאַס אַרײַן און ער איז רויִק ווײַטער געגאַנגען מיט אַ לעהאַכעסדיקער

דערלײַכטערונג עפּעס, נישט דערווייסנדיק זיך וואָס פֿאַרא טאַם די קאַרמעלקע האָט צומאָל...

אָבער דאָס איז געווען שוין דערנאָך, נאָך די שטערלינגס צוריקקומען. אָבער באַלד נאָך זייער אַוועקפֿאָרן איז פֿאַר ביניאָמינען די שטאָט מיטאַמאָל ליידיק געוואָרן, ווי מ׳וואָלט פֿון איר אַרויסגענומען דאָס, צוליב וואָס עס האָט געלויכט דער זון יעדן אינדערפֿרי אויפֿצושײַנען און דער לבֿנה און שטערן צו באַצירן יעדן אָוונט דעם הימל.

אַהיימגייענדיק פֿון כיידער אויף מיטאָג, האָט ביניאָמינען מער דאָס האַרץ נישט געפּלאַטערט: „כ׳וועל זי טרעפֿן צי נישט?“ אַלץ איז געווען ווייגענדיק, פּוסט און אַפֿילו דאָס גיין אַרויף און אַראָפּ און קוקן אויף די מיט לאָדנס פֿאַרשטעלטע פֿענצטער פֿון די שטערלינגס, איז אויך לעסאָף געוואָרן צוגעגעסן. דערנאָך, ווײַטער אַרײַן, האָט ביניאָמין שוין אײַנגעטלעך אײַנגאַנצן נישט געטראַכט פֿון זיי. אָבער געכאַלעמט פֿון זיי האָט אים נאַכט בײַ נאַכט און ס׳איז אים אַלץ געווען גלײַכגילטיק, ביז שאַרפֿער נישט־ניכעדיקייט.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אַ וואָך נאָך אַ וואָך — די צוויי כאַדאָשים האָבן זיך געענדיקט, די שטערלינגס זענען צוריקגעקומען. נאָר צוויי כאַדאָשים אײַנגאַנצן און זיי זענען אַנדערש געוואָרן ווי מיט צוויי יאָר. ניין, ווי מיט צען יאָר.

לושע האָט זיך מער נישט אַרויסגעוויזן צו ביניאָמינען אין דער היים, צו מאַלקען. זי איז איצט געגאַנגען מיט גאָר אַנדערע כאַווערטעס. דאָס פֿאָרן אויף זומער קיין אויסלאַנד, האָט די שטערלינגס מיטאַמאָל דערנענטערט צו דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע. לושע האָט איצט שפּאַצירט מיט העגריק דאַווידזאָנס קינדער, וואָס מ׳זאָגט, אַז זיי ווייסן גאָרנישט פֿון ייִדישקייט, און מיט דעם צוקער־קאָמיסיאָנער קאָנס טעכטער, וואָס אין דער היים בײַ זיי שטייט אַ פּיאַנינע. דורך די קינדער זענען די מוטערס אויך געוואָרן צווישן זיך נאָענט. מייער האָט יאָ גערעדט צו ביניאָמינען, נאָר דאָס איז שוין געווען אַן אַנ־

דער מין רעדן, אַ רעדן וואָס האָט באַליידיקט. געגאַנגען מיט אים איז ער נישט, נאָר זיך אָפּגעשטעלט אַביסל רעדן, דער־ציילט, וואָס זיי האָבן אַלץ מיטגעבראַנגט פון אויסלאַנד, גע־בלאָזן פון זיך, געקוקט, האָט זיך בּיניאָמינען געדאַכט, מיט ביטל אויף זײַן, בּיניאָמינס, הילעך. און דעם ערשטן שמועס בײַם ווידערזען זיך האָט מײַער אַזוי געענדיקט, וואָס ער מוז עס האָבן געהערט פון די עלטערן:

— אין אויסלאַנד לעבט מען אַנדערש און מען גייט אַנ־דערש אָנגעטון און אַ ייִנגל — האָט ער דערבײַ בּיניאָמינען אָנגעקוקט ווי ער וואָלט אים עפּעס געגעבן אָנצוהערן — אַ ייִנגל, וואָס האָט נישט די מעגלעכקייט צו שטודירן אויף דאָק־טער אָדער אַדוואָקאַט לערנט זיך אויס אַ מעלאָכע און ווערט אַ פאַכמאַן — האָט מײַער געענדיקט מיט גײַווע.

נאָך אָט דעם ערשטן שמועס מיט מײַערן, האָט בּיניאָמין מעקײַעם פּסאַק געווען די פאַרהייליקטע קאַרמעלקע — דעם סימ־באָל פון דער אָפּגעפּאָרענער מישפּאָכע שטערלינג.

עפּעס ווי פון זיך אַליין האָט עס זיך אַזוי געמאַכט, אַז בּיניאָמין איז געוואָרן אַ קאָהעלס יאָסעם, איטלעכנס אַ געהילף.

אין שטאָט ליגט אַ מעס. ס'איז פרײַטיק נאָכמיטאָג, מ'דאַרף מאַכן די לעווײַע. מ'דאַרף עמעצן שיקן אויפן בעסוילעם מיט אַ קוויטל, די אַגאָלע זאָל קומען צו פאָרן. ווּעמען שיקט מען? אַ בעוורע קאַדישע־מאַן גיט זיך אַ קוק אַרום, דערזעט בּיניאָמינען:

— הער נאָר דו, יאָסעם! ווּעסט פאָלגן אַ שליכעס?...

בּיניאָמין איז גרייט. דער כעוורע קאַדישע־מאַן גיט אים איבער דאָס צעטעלע וועגן דער אַגאָלע, בּיניאָמין גיט אַ רוף „לייבל" און ביידע צעלאָזן די כאַלאַטלעך, ווי די זעגל אויף אַ שיפל, פליִען איבערן מאַרק צו דער פאָרשטאָט צו.

שטייט פונקט דער פעטער יאָסל פאַרן געוועלב, דערזעט ער די צוויי כעווערלײַט לויפן, גיט ער אַ רוף: בּיניאָמין, לייבל! נישטאָ קיין ברייֵרע, מ'מוז זיך אָפּשטעלן און אַרײַנגיין אין גע־וועלב. דער פעטער יאָסל איז קוידעם מעכאַבעד לייבלען מיט אַ

פעטשל און שיקט אים אַרויף אין שטוב אַרײַן. דערנאָך נעמט ער זיך צו בּיניאָמינען:

— בּיסט אַ כּעוורע קאַדישע־מאַן? קאָהעלס שאַמעס בּיסטו? און אַז דו ווילסט עס ווערן — מוזטו מיר לייבּלען אויך מיטשלעפּן?...

דער פעטער יאָסל האָט אַ לאַשן און אַ קוק, וואָס קען בּיניאָמינען אין איין מינוט פלאַטשיק מאַכן. ער רעדט עפּעס אַזוי בּײַסיק, גאָרנישט ווי צו אַ ייִנגל, נאָר ווי צו אַ דערוואַקסענעם אין זײַנע יאָרן, נאָר אַ נידעריקערן פון זיך.

— נאָ, דו האָסט שוין בּאַלד די שיך צעלייגט, ווער וועט זיי דיר געבּן צו פאַרריכטן — די שטאָט? איך?...

און די מומע כאַנע אין קופּקעלע, כאָטש זי שטייט דערווײַל נישט לײַדיק, נאָר בּאַדינט קוינים — געפינט פונדעסטוועגן צײַט צוצובּאָמקען דעם מאַן, קלאָר מאַכנדיק די קוינים אין וואָס דאָ האַנדלט זיך:

— ווײ און ווינד — זיפצט זי — מײַן בּרודער האָט געדאַרפט שטאַרבּן און דאָס איבּערלאָזן נאָך זיך...

דעם פעטער יאָסלס האַנדלונג פאַרבּיטערט בּיניאָמינען נאָך מער. בּיניאָמין פילט, אַז דער פעטער יאָסל מיינט גאָרנישט זײַן טויווע, נאָר גלאַט אים צו בּאַליידיקן, אים צו דערנידעריקן. ס׳איז אויסטערליש: צוליב אַ קלייניקייט בּאַליידיקט דער פעטער מער ווי צוליב אַ גרעסערער פאַרשולדיקונג. אַז לעמאָשל בּיניאָמין קאָן נישט דעם „שיִער" שאַבּעס בּײַם פאַרהערן, איז דער פעטער יאָסל יוצא מיט געבּן אַ פּאָר פּעטש און הייסט אים אַהיימגיין, נאָר פאַר טרעפן בּיניאָמינען גיין אַ בּיסל שפּאַצירן אין אַ פרײַער שאָ, זידלט ער און בּאַליידיקט פאַר אַלע מענטשן אין די אויגן.

# 9. כאַח״די״ם

אין קאָהעלס גאָרטן, וואָס הינטער דער מיקווע איז שוין צײַטיק דאָס אויבּס. פייגל די טיקערין האָט נישט קיין צײַט זיך אָפּצוגעבּן מיטן גאָרטן, האָט זי אַהין אַרײַנגעזעצט איר טאָכטער

די טאָכטער איז אַ פעסטע רויט-באַקיקע מויד מיט אַ קאָפּ בלאָנ-דע האָר. דער מענדל ווייסט צו דערציילן אויסטערלישע מײַסעס פון דער מויד זעלדע, פייגל דער טיקעריגס און פון נאָך אַנדע-רע מיידן... די מײַסעס זענען אַזעלכע געהיימע, שרעקעדיק-זיסע און זינדיקע. מענדל דערציילט זיי מיט אַזאַ שטיל געהיים-שעפּ-טשנדיק קאָל. די כעוורע ייִנגלעך זעצן זיך אויס אין אַ ווינקל גאָרטן צווישן ביימער און הויכן גראָז.

אַלע זיצן שטיל מיט פאַרהאַלטענע אָטעמס און מענדל דער-ציילט וועגן „ער״ס און „זי״ס.

מענדל אײַלט זיך נישט. ער רעדט געלאַסן. די ייִנגלעך קוקן אים אָן מיט צעבליצטע אויגן. און מ׳זיצט אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן קוויקנדיק זיך מיט מענדלס געשיכטעס...

לעבן קאָהעלס גאָרטן, אין אַ נידעריק אַרומגעריסן הײַזל, געפינט זיך דער שטאָטישער „האַכנאָסעס אָרכים״ — שטיבלעך מיט געלעגערס פאַר מאַנסלײַט און פאַר ווײַבער. בינאָמין ווערט דאָ אַן אײַנגייער. ער האָפּט צווישן די מאַכנעס אָרעמעלײַט פון ביידע געשלעכטער, בײַצוווינען אַמאָל עפּעס פון דעם, וועגן וואָס מענדל לייביש דעם גאַבעס דערציילט. ער זעט אָבער דאָרט גאָרנישט פון דעם. דערפאַר דערציילן אָבער די וואַנדערנדיקע אָרעמעלײַט ווונדערלעך שיינע מײַסעס... איינ-ציקווײַז ווערט בינאָמינס גאַנצע כעוורוסע אַהין אַרײַנגעצויגן. מ׳זיצט ביז שפּעט אין דער נאַכט און מ׳הערט מײַסעס. ייִדן מיט גרויע בערד דערציילן געשיכטעס, וואָס פאַרשיקערן מיט זייער פּאַשעטקייט און פאַנטאַזיע... דאָס זענען גאָר אַנדערע מײַסעס פון די וואָס מענדל דערציילט. זיי ווירקן אויף דער נעשאָמע, ווי אַ פריש קלאָר וואַסער אויף אַ פאַרשווייסיקטן גוף אין אַ פאַרנעם טאַמוז-טאָג...

און איינמאָל נאָכן אָפּזיצן קימאַט אַ גאַנצע נאַכט און אויס-הערן מײַסעס פון אַן אַלטן בלינדן אָרעמאַן, האָט זייער לעבן בינ-יאָמינען אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער האָט אַזש אַ טראַכט געטון זאָרג-לאָז:

— וואָס דאַרף איך זיך מוטשען מיט זוכן פאַר זיך אַ טאַכ-

לעס? אַז כ׳וועל גרעסער ווערן, וועל איך זיך באַהעפטן צו אַ כעוורוסע אַרעמעלײַט און וועל ווערן אַ מעדינע-גייער.

אין דער היים ווערט דאָס לעבן אַלץ גרויער און טריבער. די מאַמע איז איצט גאָר אַן אַנדערע. אין שטוב איז אַפילע ווײַטער צוגעקליבן און צוגערוימט, אָבער דאָס איז נאָר פון אויבן-אויף. אין טאָך איז דאָ דאָס לעבן פונקט ווי בײַ אַלע אַנדערע אַרעמעלײַט אין שטאָט... ייִסראָעל-נויעך האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ פּאָר מאַטבייעס און האָט זיך געקויפט אַ גאַרטל. די מאַמע האָט דאַפקע געוואָלט וויסן, פונוואַנען ער האָט געהאַט דאָס געלט און ייִסראָעל-נויעך האָט נישט געוואָלט זאָגן.

אין אָוונט, ווען ביניאָמין איז אַהיימגעקומען, איז די מאַמע געשטאַנען מיט אַ רימען אין האַנט און מיט קאַס געקלאַפּט איבער ייִסראָעל-נויעכס פּלייצעס פאַדערגדיק, ער זאָל זאָגן, פונוואַנען ער האָט געהאַט געלט צו קויפן דעם גאַרטל און ייִסראָעל-נויעך האָט נישט געוואָלט זאָגן.

— זאָלסט זאָגן, הייס איך! — האָט די מאַמע געפאָדערט מיט אויפגעשטעלטע שטרענגע אויגן און געקלאַפּט מיטן רימען — נאַ, האָסטו און האָסטו נאָך; זאָגן זאָלסטו, וואָרן כ׳דערהאַרגע דיך. מײַנס אַ קינד — אַ גאַנעוו! נישט דערלעבן וויל איך דאָס.

ייִסראָעל-נויעך האָט געשוויגן. נאָך יעדן פּלעם מיטן רימען האָט ער זיך אָנגעכאַפּט דאָס צעווייטיקטע אָרט, נאָר גאָרנישט גערעדט — פאַרביסן די ציין און געשוויגן.

נאָר ווען די מוטער האָט אַלץ נאָך און נאָך געפּײַערט מיטן רימען, איז ייִסראָעל-נויעך מיט איין שפּרונג געווען בײַם אָפענעם פענצטער און געוואָלט זיך אַראָפּוואַרפן. ס׳איז געוואָרן אין שטוב אַן אַלגעמיינע יעלאָלע. אַלע קינדער זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, אַרומגערינגלט דעם צעהעשעטן אַכטיעריקן ברודער. דעמאָלט האָט די מאַמע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ייִסראָעל-נויעך האָט דערציילט, אַז דאָס געלט אויף דעם גאַרטל האָט ער זיך געזאַמלט פון די גראָשנס, וואָס די מאַמע גיט אים מיט נאָכמיטאָג אין כיידער צו קויפן זיך הערינג צום ברויט.

אינדערהיים בײַ ביניאָמינען איז אַ צערודערניש. די מאַמע האָט עפּעס פון ערגעץ באַקומען געלט. זי האַלט בײַ אײַנאָרדענען בײַ זיך אין דער היים אַ זאָקן-פאַבריקל. די מאַשינען זענען שוין דאָ, ליגן נאָך פאַרפּאַקט אין קאַסטנס. ס'איז געקומען צו פאָרן דער ייִד פון זאַלעשין, בײַ וועמען מען האָט געקויפט די שוין גענוצ-טע מאַשינען. אַ קליין שוואַרץ ייִדל ווי אַ פלוי און רירעוודיק ווי אַ פלוי און קורצזיכטיק איז ער. ביניאָמין האָט נישט ליב קיין קורצזיכטיקע מענטשן. פאַרוואָס, ווייסט ער אַליין נישט. אים דאַכט זיך, אַז אַלע קורצזיכטיקע זענען גײַציקע און קאַרגע.

דאָס ייִדל אָרדנט אײַן די מאַשינדלעך, האַלט אין איין שמוצערן איבער זיי מיט די שוואַרצע דינע ליפּן זײַנע: „מאַ, אַ צאַצקע, אַ צאַצקע, בעסער ווי אַ נײַע פון דער פאַבריק אויס... ס'זענען שוין אויך געקומען אַרבעטער זאָקן-מאַכערס — אַ מיידל פון זאַלעשין... אין שטוב זענען אַלע פאַרנומען, אויף ביניאָ-מינען קוקט זיך קיינער נישט אום, ער נוצט דאָס אויס און טוט וואָס ער וויל.

ביניאָמין העלפט מענדלען טראָגן דאָס געקעכטס פאַר דער מעשוגענער שוועסטער, וואָס זיצט פאַרשפאַרט אויפן בייס-האַקוואָרעס. ס'איז סאָף זומער. די פעלדער זענען שוין לאַנג געשניטן. אַן אומעט און אַ פאַריאָסעמטע בענקעניש ווייט פון זיי, ווי זיי וואָלטן געבענקט נאָך די אַראָפּגענומענע זאַנגען... דער וועג צום בעסוילעם איז אַ לאַנגער, אַ זאַמדיקער מיט קרומע און אויסגעהוילטע שיינעביימער בײַ די זײַטן. ביניאָמין האָט ליב צו שמועסן פון מייסים און פון שיידים, מענדל ווידער רעדט צום ליבסטן ניבל-פּע. ער רעדט דאָס ערנסט, זאַכלעך. די אײַנ-געצויגענע ברוינע באַקן צעפלאַמען זיך אים, די אַרויסשטאַרצנ-דיקע שפּיציקע באַקן-ביינער באַקומען רויטע פלעקן, די שטענדיק אומהיימלעך ברענענדיקע טונקעלע אויגן פאַרציִען זיך אים מיט אַ נעפּל.

ביניאָמין האָט ליב צו הערן מענדלס ניבל-פּע, עס וועקט אין אים אַ זיס-געהיימן שוידער, ענלעך ווי בײַם הערן מײַסעס וועגן מייסים, טיילמאָל נאָך זיס-שרעקיקער — נאָר אַליין אַזוי רעדן

קען ער נישט, בּיניאָמין. בּעשאַסן הערן די מײַסעס האַלט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ס׳האַרץ קלאַפּט אים ווי מיט האַמערס און ער האָט נישט קיין מוט אַפילע נישט מענדלען אַ קוק צו געבּן אין פּאָנעם.

איצט גייען זיי אויפן זאַמדיקן וועג צום בּעסוילעם. מענדל האַלט אַ טעפּל פאַרוויקלט אין אַ שמאַטע — עס זאָל נישט קאַלט־ווערן, בּיניאָמין — אַ צווייט טעפּל אַ קליינס און בּרויט פאַר־פּאַקט אין אַ שניפּטוך. דער טאָג איז א טריבּער. די פעלדער אַרום ליגן ווי פאַרוויינט אין די וואָלקנס זעט זיך אַ מאַטע רונ־דיקע זון ווי אַ בּלאַסע לעוואָנע. מענדל רעדט וועגן אַלעם אין דער וועלט נאָר וועגן זײַן מעשוגענער מישפּאָכע רעדט ער קיינ־מאָל אַ וואָרט נישט. בּיניאָמין ווייסט, אַז אין דער היים איז מענדל גאָר אַן אַנדערער — איין מעיושעוודיקער צווישן אַ שטוב מעשו־גאָים און ער ווייסט ווי מיט זיי אומצוגיין, זיי אײַנצוהאַלטן.

אויפן בּייס־האַקוואָרעס איז די מאָרעשכוירע פון די פעל־דער אַ נאָך טיפערע. די ווײַסע מאַציייוועס שווײַגן איבּער די קוואָ־רים, ווי זיי וואָלטן אומעטיק בּאַדויערט די וואָס ליגן הינטער זיי. ס׳הערט זיך קרייען אַ האָן און אַז דער האָן ווערט שטיל, איז די מאָרעשכוירעדיקע שווײַגעניש דאָ נאָך טיפער און געדיכטער.

בּיניאָמין דערזעט פונדערווײַטנס דעם פאָטערס קייווער. די ווײַסע שטיינערנע מאַציייווע, האָט זיך אויסגעבּויגן אויף פאָרנט.

זיי גייען צו מיט די טעפּ צו דער שאָפע, דורך אַ לאָך דער־לאַנגט מענדל אַרײַן דאָס עסן. סאָרע רייזל רעדט גאַנץ צו דער זאַך, פרעגט זיך נאָך, וואָס אין דער היים הערט זיך, נאָר עסן — בּאַמערקט בּיניאָמין — עסט זי נישט ווי אַ נאָרמאַלער מענטש. זי עסט ווילד ווי אַ כאַיע, קעהערעף אַ̈ין ליידיקט זי אויס די טעפּ און פאַרלאַנגט נאָך.

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי ווייניק געבּרענגט? זשאַלעוועסט מיר?... — פרעגט זי האַסטיק.

אַז זי דערלאַנגט אַרויס דאָס ליידיקע געפעס, בּאַמערקט בּיניאָמין אירע הענט — יונגע, פרישע און שיינע ווײַבּלעכע הענט.

און אַז זי איז בײַם זינען — געדענקט בּיניאָמין, אַז זי אין אַ פרום יידיש װײַבל, װאָס קיין הויך װאָרט גייט נישט אַרויס פון איר מויל.

— מענדקע — פרעגט זי מיט אַ ביסל אַ הייזעריקן קאָל — װאָס איז מיט נאָסענען? איך װיל נישט ער זאָל נעמען אַ „היתר מאה רבנים”*). איך װיל מיט אים װוינען.

— גוט — זאָגט מענדל קלוימערשט צו, װי צו אַ קינד װאָס מ'װיל אײַנשטילן — כ'װעל עם זאָגן.

צוריקװעגס שוין באַלד אין דער שטאָט טראָגט דער רוען אָן די מומע כאַנע; גייט דאָ מינעסטאַם אײַנמאָנען אַ כויװ פון אַ קוינע. זי אײַלט זיי אַנטקעגן, אַריבערגעװאָרפן אַ טוך איבער די פּלייצעס. בּיניאָמינען געלינגט באַצײַטנס פון איר אויג אַנטרונען צו װערן. ער דרייט זיך אַרײַן צװישן די סעדער. זי אָבער באַמערקט אים באַלד, שאָקלט באַדױערנדיק מיטן קאָפּ...

בּיניאָמין גייט װײַטער, מאַכט זיך װי ער װאָלט זי גאָר נישט געזען.

ס'איז געװען ראָשהאַשאָנע-צײַט. דער זומער איז צוגעלאָפן צום לעצטן פלעקל און אַ מידער, אַ טויט-שװאַכער געפאַלן פון די קויכעס. קאַלטע װינטן האָבן געבלאָזן, דער װינטער האָט זיך דערנענטערט... ערעװ יאָמקיפּער איז אין שטוב געװען האַלב-יאָנטעװדיק צוגעקליבן. די זאָקן-מאַשינדלעך האָבן נישט געאַרבעט. דאָס מיידל, די אַרבעטערין, איז אַהיימגעפאָרן אין איר שטעטל. דאָס שפּאָל-רעדל איז געװען אַרויסגעשטעלט אין דעם קאַמער צוזאַמען מיט די ליידיקע שפּאָלן... די מאַמע איז שוין געװען צוריקגעקומען פון מאַרק מיט אַ קויבערל אײַנקויפונגען. דער דיל איז געװען ריין געשײַערט, אויסגעשיט מיט געלן זאַמד. פאַרמיטאָג האָט דער פעטער יאָסל אַרויפגעשיקט מיט פערלען אַ שטיקל פון דעם לעקעך, װאָס מ'האָט הײַנט געטיילט אין „שטיבל”. פערל האָט מיטגעבּרענגט אַ פיזמען, װאָס דער פאָטער האָט זי קענטיק אויסגעלערנט:

---

*) אַ דערלויבעניש פון הונדערט ראַבאָנים פאַר אַ מאַן װאָס װיל אָפּגעטן זיין מעשוגע װײַב.

— אַז די מומע וועט דאָס שטיקל לעקעך עסן, וועט די מומע אַ גאַנץ יאָר באַהיט זײַן פון מענטשנס גאָב.

פערל האָט דאָס איבערגעזאָגט מיט איר פאַרשלאָפן קוויטשיק קעלעכל און פאַרבריטערט מויל ווי אַן אָפענע טאָר־בע. די קינדער האָבן געלאַכט. די מאַמע אָבער האָט גראָד אין זינען געהאַט, ווי דער מערדער, דער ייִד, וואָס זי אַרבעט פאַר אים זאָקן, האָט זי הײַנט באַוואָלט בײַם אָפּרעכענען — האָט זי זיך אַוועקגעדרייט און די אויגן געווישט.

צומאָרגנס, יאָמקיפּער, איז בינימין געשטאַנען איבער אַן אָפן מאַכזער אַ פאַרשמאַכטער פון פאַסטן און זיך געקלאַפּט אין האַרץ און ווי אַ צופּיל פאַרשוולדיקט קינד, וואָס ווייסט אַז זײַנע זינד זענען אַזוי גרויס, אַז דער טאַטע דאַרף אים נישט מוחל זײַן, נאָר ער איז דאָך פאָרט אַ טאַטע אַ באַל־ראַכמים און ער וועט אים מוחל זײַן, אויב די כאַראָטע איז נאָר פון גאַנצן האַרץ. שטיל, מיט פאַרטריקנטע ליפּן האָט ער גע־פּרעפּלט פאַר גאָט כאַראָטע־ווערטער און דאָס האַרץ אין אים האָט געוויינט.

דער יאָמקיפּער־טאָג דעמאָלט איז געווען אַן אויסטערלי־שער — שוין אײַנגאַנצן אַ ווינטערדיקער. דאָס יאָר איז געווען אַן איבעריאָר. ערעוו יאָמקיפּער איז געווען ווינטיק און קאַלט און צומאָרגנס, יאָמקיפּער, ווען ייִדן זענען געשטאַנען אין די שולן אין טאַלעס און קיטל און הוילע שקאַרפּעטקעס מיט נישט אויס־געוואַשענע מײַלער בעטנדיק בײַ גאָט אַ גוט קוויטל, איז דערווײַל אין דרויסן געפאַלן דער ערשטער שניי — אַ נאַסער שניי, וואָס איז אַראָפּפאַלנדיק צעגאַנגען געוואָרן און איבערגעלאָזט אַ קאַל־טע נאַסע בלאָטע.

ס'איז געווען טריב אין דרויסן און טריב און טרויעריק בינימינען אויפן האַרץ און וואָס נענטער דער אָוונט האָט זיך צוגערוקט, אַלץ הייסער און פאַרכטיקער האָט בינימין געבעטן גאָט.

בײַ נילע איז בינימין געשטאַנען נישט ווײַט פון אָרן־קוידעש, אַזוי הייס געדאַוונט, אַז אַלע אַרום האָבן אים אָנגעקוקט

און אָנגעוויזן זייערע קנאָפּ דאַוועגענדיקע קינדער מיט אַ פינגער אויף אים, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— אָ, ווי אַ גאָטספּאָרכטיק יינגל דער יאָסעם איז.

אַזוי איז געווען יאָמקיפּער און צומאָרגנס האָט בינימין שוין פּאַרטיק געהאַט אין קאָפּ אַ באַשלוס: ער האָט אהיים געברענגט פון גאָס ברעטלעך, נעגל און זיך געשטעלט בויען אַ קעסטל, קעדיי באַלד נאָך סוקעס אַוועקצופאָרן פון דער היים אין נאָענטן שטעטל לערנען אין דער דאָרטיקער יעשיווע.

דאָס קעסטל האָט בינימין געמאַכט אויפן בוידעם. די מאַמע האָט באַלד פון אים אַרויסגעקריגן זיין באַשלוס און זיינע רייד ווייטער איבערגעגעבן. דער פעטער יאָסל האָט זיך אַטריעך געווען, אַרויפגעקומען אויפן בוידעם דערגיין צי ס'איז עמעס:

— וואָס בויסטו דאָ — אַ טייווע ווי נויעך פּאַרן מבול?

— כ'וויל פאָרן אין דער יעשיווע לערנען.

— ווען, היינט, ביין האַזמאַנים-צייט? — וווּנדערט זיך קלוימערשט דער כיטרער פעטער.

— ניין, נישט היינט. נאָך סוקעס באַלד — ענטפערט בינימין אָנשטויסנדיק זיך אויפן פעטערס מיין.

— גאַנץ גלייך — שמוצערט דער פעטער מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט אויף בינימינס אויפטו — גאַנץ גלייך, וואָס דען ליגן אויף דער אָרעמער מאַמעס פּלייצעס? — האָט דער פעטער געענטפערט בינימינען, נאָר אין עמעסן אַראָפּגערעדט צו דער מוטער בינימינס, וואָס איז אונטן געשטאַנען. און גערעדט האָט ער דאָס הויך, אָפּיציעל, ווי קעדיי בינימין זאָל נישט קאָנען קיין כאַראָטע האָבן אויף זיין באַשלוס — ער וועט דאָך נישט צום נאַר מאַכן דעם פעטער און די מאַמע.

דער פעטער יאָסל מוז עס האָבן דערציילט ביי זיך אין דער היים, וואָרן באַלד איז לייבל געקומען צו לויפן גלייך צו בנימינען אויפן בוידעם. לייבל האָט גענומען זיך אים העלפן בויען דאָס קעסטל, אַזוי אַז עס זאָל אויסזען לייטיש און מ'זאָל קאָנען אָנהענגען אַ שלעסל צוצושליסן.

דערווײַל איז נאָך געווען מער ווי צוויי וואָכן צײַט אויסצופירן דעם באַשלוס. מיט דער צײַט אָבער האָבן אַלץ אָפּטער אָנגעהויבן צו באַפאַלן ביניאָמינען מינוטן פון שוואַכ־קייט, פון כאַראַטע; צוואָס האָט ער דאָס אויף זיך גענומען — אַוועקפאָרן פון דער היים, זײַן צווישן פרעמדע מענטשן, עסן „טעג” אין די הײַזער און שלאָפן בײַ עמעצן אײַנגעדונגען?

אין דער שטיל האָט ביניאָמין געווײַנט אויף דעם פּאָר־שטייענדיקן... אָבער—ווער ווייסט ווי אַרום — אַלע זײַנע כאַווײרים האָבן שוין דערווײַל געוווסט פון ביניאָמינס באַשלוס אַוועקצו־פאָרן — אַזוי ווי עמעץ וואָלט עס אויסגערופן אין די גאַסן. אַלע האָבן שוין געקוקט אויף ביניאָמינען מיט רעספּעקט.

הענעך לייזער לעדערהענדלערס האָט געזאָגט מיט אָנערקענונג:

— איך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז דו, ביניאָמין, ביסט אַ דרייסטער.

און מאָרדכע כאַיִם שלוימעס דער נישטפּאַרגינער מיט די ווײַסע אויגן האָט גיפטיק אונטערגעשמייכלט:

— מ׳זאָגט, אַז דו האָסט באַשטימט פריִער נישט צוריק צו קומען ביז דו וועסט שוין האָבן היתר הוראָה! (רעכט צו זיין אַ ראָוו).

ס׳איז שוין געווען פאַרפאַלן, געמאַכט איז געמאַכט, ענדערן קען מען שוין נישט, ס׳לײַכטע איז געווען גאָרנישט דערפון טראַכטן, נאָר גיין דרייסט גלײַך מיט צוגעמאַכטע אויגן, ווי איינער וואָס איז זיך טויוול אין אַן אײַז־קאַלט וואַסער. ביניאָמין האָט געהאַט קויעך דאָס זײַניקע אויסצופירן.

ער האָט נאָר געדאַרפט אין זיך אײַנצופרעגן דעם גע־דאַנק, אַז אַזוי וועט זײַן און נישט אַנדערש. און ס׳האָט אים שוין אײפגעהערט צו שרעקן דאָס פאָרן. אַדעראַבע: ער האָט שוין דערויף אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט, ווי איינער וואָס וואַרט אויף אַ ריזיקאַלישער אויסצייכענונג.

אָבער אין איינעם פון די כויל האַמויעד טעג האָט זיך ביניאָמין מיט זיין כעוורע צעשלאָגן מיט אַ צווייטער כעוורע

און בינימין איז פון דעם געשלעג אַרויס מיט אַ צעדראַפּעט פּנים.

דעמאָלט ווען דאָס איז געשען, איז שוין בינימין אינ־גאַנצן געווען אונטערן איינדרוק פון אַוועקפאָרן — און דאָ פּלוצלונג האָט ער אַ צעדראַפּעט צעשאָבן פּנים און... ס׳קאָן שיין אויסזען דאָרט, אַז ס׳וועט קומען צו פאָרן אין דער ישיבה אַ באָכער מיט אַ צעדראַפּעט פּנים!

טאָג און נאַכט איז בינימין געזעסן, געשמירט דאָס פּנים מיט אַ זאַלב, געלייגט פלעסטערלעך אויף די דראַפּע־סימנים. ער איז אויסערגעוויינלעך געדולדיק געווען און — אַצווײ דריי טעג נאָך סוקעס איז דאָס צעקראַצטע פּנים שוין געווען מער ווייניקער אין אָרדענונג. נאָר אַזוי ווי ס׳איז געווען שוין סאָף וואָך, האָט די מוטער פאַרגעלייגט, ער זאָל שוין בלייבן איבער שאַבעס. בינימין האָט קלומערשט נישט באַלד באַשטאַנען, בלויז נאָר דאָס צוליב געטון דער מאַמען, און אויף זונטיק אינדערפרי איז שוין געווען באַשטעלט אַ באַלע־גאָלע בינימינען מיטצונעמען. די מאַמע וועט מיטפאָרן אים דאָרט אײַנצוּאָרדנען.

## 10. אין דער ישיבה

אַ פּײַכטער געפּל איז געהאַנגען צווישן הימל און ערד, פון ביידע זײַטן וועג זענען ליידיקע פעלדער און לאַנקעס געלעגן פאַרהוילן ווי אין נאַסער וואַטע. די געשמידטע רעדער פון בייניש פיפיקס וועגן האָבן געשניטן קליינע פּאַסן אין פּײַכטן זאַמד. דער וואָגן איז פול באַזעצט מיט פאַרשוינען, וואָס פאָרן דאָ ערגעץ אויף אַ יאָרמאַרק. בינימין זיצט אויף זײַן קעסטל — פאַרשלאָסן אויף אַ נײַ שלעסל, דאָס שליסעלע אויף אַ בענדל טראָגט בינימין אויפן האַלדז. קעגניבער בינימינען זיצט די מאַמע, אָנגעטאָן אין דעם שוין אַביסל אָפּגעטראָגענעם נאָר ריין אויסגעפּוצטן ווינטערמאַנטל און אַ

שווערן שאַל אויפֿן קאָפּ. דער שאַל, אַ זײַדענער, איז נאָך קימאַט נײַ, ווײַל די מאַמע טראָגט אים זעלטן.

— ווו פּאָרט דאָס אײַער באָכעריל — לערנען טוירע? — פרעגט אַ יידענע אַ הענדלערקע.

די יידענע איז אָנגעטון אין צוויי טיכער, איינס אַ רויטס מיט געלע און גרינע פּאַסן אויפֿן קאָפּ און אַ צווייטס אַ שווערס און גרויס ווי אַ פּלאַכטע איבער די אַקסלען. בינימין קוקט אָן די יידענע. איר פּון ווינט און קעלט אויפגעבלאָזן רויט גראָב פּאָנעם און די מאַמע זײַנע ענטפֿערט צענעמענדיק די דינע צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן:

— יאָ, לערנען אין דער יעשיווע.

דערנאָך זיצט די מאַמע ווידער שווײַגנדיק. בינימין קוקט זי אָן. איר פּאָנעם איז בלאַס, די אויגן — פּאַררוקט טיף אין קאָפּ. אַ ווייכקייט און אַ ראַכמאָנעס קלאַפּט און ווייטיקט אין זײַן געמיט צו דער מאַמען: ווי שווער און ביטער זי האָרעוועט נעבעך. — באַלד גייט איבער זײַן ראַכמאָנעס צו די איבעריקע קינדער אין דער היים: מאַלקע... ייסראָעל־גויעך וועט איצט בלײַבן אינגאַנצן אָן אַ מאַדריך. ווער וועט אויף אים אַכטונג געבן, צי ער גייט אין כיידער, צי ער דאַוונט? און סימעלע — דאָס קינד וואָס הייבט ערשט אָן קוים צו גיין. מאַלקע, ער, בינימין, און אַפילע ייסראָעל־גויעך, האָבן כאָטש געהאַט גוט אין די ערשטע קינדער־יאָרן. זי נעבעך, דאָס ייִנגסטע, זי האָט פון קיין גוטס באַלד נישט געוווּסט... ס'שטײַגט אין אים דאָס וואַרעמקייט און ראַכמאָנעס צום יינגסטן שוועסטערל.

דער וואָגן שלעפּט זיך און וויגט זיך אין בלאָטיק זאַמדיקן וועג, בייגט זיך אַמאָל אויף דער זײַט, אַמאָל אין דער צווייטער ווי אַ שיקער און בינימין שלינגט די טרערן פון בענקעניש צו דער אָקאָרשט פאַרלאָזטער היים.

ער באַנעמט, אַז אין דער היים האָט ער זיך נישט געפירט ווי עס דאַרף צו זײַן, אָנגעטון דער מאַמען אַגמעסנעפּעש, נישט געוואָלט העלפן אין דער היים, פאַרלײַכטערן. די כאַראָטע

פּײַניקט אים איצט, ער פֿילט זי ביז װײטיק. ער װענדט זיך פֿלוצלונג צו דער מוטער:

— מאַמע, די זאָקן־מאַכערין, דאָס מײדל פֿון זאַלעשין, װעט הײַנט קומען?

די מוטער קוקט אים אַ װײַל אָן, זי פֿאַרשטײט נישט װאָס עפּעס פּלוצלונג אינטערעסירט דאָס אים. דערנאָך ענטפֿערט זי:

— יאָ, הײַנט אָדער מאָרגן זאָל זי קומען.

דער שמײַסער, בײַניש פּיפּיק, אַ מעגושעמדיקער און באַװאַקסענער מיט האָר, װי אַ פֿאַרװאָרלאָזטער גאָרטן מיט װילד גראָז — מאַכט היימלעך זײַנע פֿאַרשװינען. ער עסט לאַכמעס ברויט אָרויפֿגעלײגט צו שטיקלעך זעמל. דאָס ברויט הײסט בײַ אים צוקערקע און די זעמל — שאָקאָלאַדקע. אַן אַנדערש מאָל װאָלט בינאָמין מיטגעלאַכט, איצט אָבער קריכט אים נישט אין קאָפּ קײן געלעכטער. ער איז פֿול מיט אַ טאָפּלט געפֿיל: אומגעדולד צו דערזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַן אַנדערע שטאָט אַ כוץ זײַנע און מיט װײטיקלעכן בענקען — צו דער פֿאַרלאָזטער הײם.

דאָס נײַע שטעטל — נישט עס איבעראַשט נישט, נאָר עס אַנטױשט: אַ סאַך קלענער װי זײַן שטאָט, מיט נידעריקע הײַזער און נישטגעברוקירטע גאַסן. זײ גײען אַראָפּ פֿון װאָגן, איבערבײַסן עפּעס אין אַן אײנשטיבלדיקער פֿאַרױכערטער אַכסאַניע. זײ עסן זעמל מיט נישטזיסע טײ און לאָזן זיך אַרױס איבערן שטעטל.

דאָ, אין דעם גרענעץ־שטעטל, זענען פֿאַראַנען אַ סאַך דעם טאַטנס באַקאַנטע. אַ גאַנצן טאָג קריכט די מאַמע אַרום מיט בינאָמינען צו זײערע אַמאָליקע באַקאַנטע דאָ, זײ זענען אַלע רײַכע און אָנגעזױענע. די מאַמע שטעלט פֿאָר איר זון. מ׳רעדט אַביסל, מ׳װײנט אַביסל. באַלד האָט בינאָמין שױן אַלע טעג — צו עסן די גאַנצע װאָך. שװערער גײט צו מיט שאַפֿן צום לערנען. אין דער יעשיװע לערנט מען נאָר אײן שאָ אין טאָג. די איבעריקע שאָען מוז מען זיך שאַפֿן. די יונגעלײַט, אײדעמס פֿון די

באַקאַנטע מישפּאָכעס, איידעלע מיט בלאַסע פּענעמער, מיט קוים שפּראָצנדיקע בערדלעך, זיצן ס׳ראָוו אין אָפּגעזונדערטע שטובן, אַרומגערינגלט מיט ספאָרים, זיי גיבן אַ שמועס מיט ביניאָמינען, אַ טאַפּ ווי ער האַלט אין לערנען און ציִען באַלד אויף אַן איי־דעלן אויפן צוריק דעם צוזאָג צו לערנען מיט ביניאָמינען אַ „שיִער” — נישטאָ קיין צייט, מ׳לערנט פאַר זיך, די איבעריקע שאָען — שוין פאַרנומען.

אַנדערע זענען איידעלער. שמועל גאָלדמאַנס יונגער איי־דעם, אָנגעטון אין אַ העל סאַמעטן שטוב־כאַלאַט, שאָקלט זיך אומבאַקוועם מיט אַ פאַרשעמט גרימאַסעלע אויפן איינגעצויגענעם ווי פון טאַנייסים אויסגעמאָגערטן פּאָנעם:

— יאָ, ר׳ שמועלס אַלמאָנע... אָבער נישט קיין באַשטימטע שאָ, מ׳עט זען...

וואָס קאָן די מאַמע טון? — זי מוז באַשטיין. זי שאַפט נאָך ביניאָמינען צו שלאָפן ביי אַ שניידער פון זייער שטאָט און פאַרנאַכט פאָרט זי מיט דעם זעלבן וואָגן צוריק אַהיים.

עלנט און פרעמד האָט זיך ביניאָמין געפילט אין שטעטל. ער איז געזעסן ביי פרעמדע טישן מיט פרעמדע מענטשן, געגעסן פרעמד ברויט, נישט דרייסט געווען די אויגן אויפצוהייבן, דעם לעפל אין טעלער אַריינצוטון און אויב די מענטשן אַרום טיש האָבן אים נישט אונטערגעטראָגן און קוראַזש געמאַכט מיט פריינדלעכע ווערטער — איז ער אַוועקגעגאַנגען פון טיש אַ הונ־געריקער.

ער איז געגאַנגען איבער די אומבאַקאַנטע שטעטלדיקע געסלעך. לעבן מאַנכע הייזלעך זענען נאָך געשטאַנען סוקעס. דער קאַלטער, בייזער און פייכטער האַרבסט־ווינט האָט געפליקט די פאַרוועלקטע סכאַך־ריטלעך, די ווענטלעך האָבן געקרעכצט. די דאָזיקע עלנטע סוקעס, געבליבענע פון פאַרגאַנגענעם יאָנטעוו און אויסגעשטעלטע איצט אויף ווינט און רעגן — האָבן זיין טרויער און בענקעניש פאַרגרעסערט. ביים האַרץ האָט געקוועטשט

און די אויגן זיינע האָבן געקוקט ווי ביי אַ געפאַנגענעם פויגל אין שטייג.

אין בעסמעדרעש איז דאָ אַ סאַך פענצטער, אָבער עס איז דאָרט שטענדיק טונקל, אין די פענצטער קוקן קעסיידער טריבע נאָך-סוקעס-טעג — די ווענט זענען מיט שטויב, שפינוועבס אין די ווינקלען; אין די גרויסע אַלמערס זענען די ספאָרים מיט אַרומגעריסענע טאַוולען, צעשיט און אָן רוקנס; אויפן אָרן-קוי-דעש הענגט אַ טונקל פאַרויכעס פון אומבאַשטימטע קאָלירן, ביים אָמעד ברענט אַן איינציק יאָרצייט-ליכט. דאָס פלעמל ציט זיך אַרוף, אַרויף, רויכערט און פלאַטערט, און ביניאָמינען דאַכט זיך, אַז אָט דאָס צאַנקענדיקע ליכט בענקט און כאַלעשט נאָך עפּעס פונקט ווי ער נאָך זיין היים, נאָך די זיידניקע...

אין דער פרעמד זענען פון ביניאָמינען מיטאַמאָל אָפּגעטון געוואָרן אַלע זינדיקע מאַכשאָוועס. אַלע מייסעס פון דעם האַלב מעשוגענעם מענדל לייביש דעם גאַבעס זענען ווי דורך אַ קישעף-שטעקעלע פון אים אָפּגעטון געוואָרן, אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין סימען. ביניאָמין איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, אַ ריין און אומשולדיק באָכערל, וואָס האָט שוין געמוזט אַליין פאַר זיך זאָרגן, אָפּגע-לעבט טעג מיט אַ האַרטער קוילריב, געשלאָפן ביים שניידער אין דער קאַלטער קיך, געפרווירן אין די פּראָסטיקע נעכט און געמוזט זאָרגן, פונוואַנען ער וועט האָבן דעם שניידער צו באַצאָלן די אַכצן גילדן פאַרן ווינטער שלאָף-געלט.

„...ליבע מוטער און געשוויסטער — האָט ביניאָמין גע-שריבן אַהיים אַ בריוול — וואָס הערט זיך אין דער היים? וואָס מאַכט די מאַמע? צי איז סימעלע געזונט און צי גייט ייִסראָעל-נויעך אין כיידער? ווי גייט מיט פּאַרנאָסע? ייִסראָ-על-נויעך זאָל לעמאַנעשעם גיין יעדן שאַבעס פאַרהערן צום פעטער יאָסל, אַז נישט וועט ער זיך אַליין אָפּגענאַרן.

מיר דאָ גייט נישקאָשע. איך לערן איין „שיִער“ ביים

ראָוו אינדערפרי, פון נײַן אַזייגער ביז צען, דאַן גיי איך אויף אָנבײַסן.

„טעג" האָב איך אַלע אַכוץ דאָנערשטיק און פרײַטיק. האָב איך דערפאַר איין „צאָל טאָג": איינער פון יעכיל מאַזעס זין גיט מיר אַ „צאָל-טאָג", לעב איך פון דעם געלט דאָ-נערשטיק און פרײַטיק. ווידער אויף באַצאָלן פאַר שלאָפן איז דאָ אײַנגעפירט, אַז כאַנוקע גייען די יעשיווע-באָכערים אַרום איבער דער שטאָט מיט פושקעלעך פאַר זיך נאָך געלט, וועל איך דערפון האָבן צו צאָלן פאַרן שלאָפן און אַז עס וועט ווייניק זײַן, גייט מען דאָ פורים אויך אַרום...

נאָר די ריינע וועש פון דער היים מוז איך לעמאַנעשעם קעסיידער באַקומען דורך בייניש פיפיקן.

דאָס שלאָפאָרט וועל איך אַוואדע אָוועקלאָזן. דער שנײַ-דער איז אַ גרויסער לעץ, מ׳רופט אים דאָ „פייסעך קישקע", ווײַל אין פייסעך האָט מען אים געכאַפּט עסן אַ געפילטע קישקע מיט מעל. ער קאָן נישט פאַרטראָגן קיין בעסמעדרעש-באָכער. ער לאַכט אָפּ פון מײַנע פייעס און רעדט אין מיר אַרײַן אַפּי-קאָרסישע רייד. זײַן ווײַב איז אַן עמעסע זערעש...

פון מיר, אײַער זון בינײאָמין".

און ס׳גייען טעג... דער טאָג הייבט זיך אָן בײַ דער אָפּענער געמאָרע און פאַרגייט בײַ דער אָפּענער געמאָרע. פון זיך אַליין שאָקלט זיך דער גוף און די ליפּן פּרעפּלען מיט אַ ניגן. אַרום זיצן נאָך אַזעלכע ייִנגלעך ווי בינײאָמין, טייל שאָק-לען זיך מיט אַ ברעען און טייל דרימלען וועגדנדיק פון מאָל צו מאָל די פאַרשלאָפענע אויגן אויפן לאַנגן בעסמעדרעש-זייגער...

אַך, די געמאָרע! — פון אַלעם רעדט זיך אין דער געמאָרע... וועגן נישטריכטיק פאַרקויפטע פעלדער, וועגן אַן אָקס וואָס שטויסט, וועגן שלעכט געפּאַרבטער וואָל... וועגן אַלעם אין דער וועלט, נאָר נישט פון דעם וואָס עס ווילט זיך הערן — וועגן דער היים, וועגן די דערווײַטערטע ברידער און שוועסטערלעך...

אַ פאַרטראַכטער הערט בינײאָמין אויף צו שאָקלען זיך און

מישט אַריבער. דאָס בלאַט פּאַפּיר וואָס צווישן טאָוול און שאַר־בלאַט איז באַשריבן מיט געקסיוועטע אויסיִעס מיט קעסטלעך און איינצלנע ווערטער. ביניאָמינס בליק ווערט דערצו צוגעקלעפּט. ווער האָט דאָס געשריבן? — עפּשער אויך אַ ייִנגל אין דער פּרעמד ווי ער, ביניאָמין? יענער איז שוין הײַנט אַוואַדע אין דער היים. דעמאָלט איז מינעסטאַם געווען זומער. די זון האָט געשײַנט און ער איז דאָ געזעסן צווישן שטויב און גרויקייט און מוירע גע־האַט אַרויסצוגיין, אַ„טאָג"-געבער זאָל אים נישט טרעפן...

ביניאָמינס בליק ווערט פאַרשטאַרט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אָן זײַן וויסן גאָר מאַכט נאָך מיטן נאָגל די מיט בלײַער געשרי־בענע קעסטלעך און ווערטער...

— שייגעץ! אויף אַ געמאָרע שרײַבט מען?! — ביניאָמין קוקט זיך אַרום ווי איבערגעוועקט פון אַ כאָלעם. פאַר אים שטייט דער ראָוו מיט דער געל־גרויער באָרד, אָנגעטון אין אַן אָפּגעשאָ־סענעם גרין־סאַמעטענעם כאַלאַט און שיך־און־זאָקן.

— ווער ביסטו, פּונוואַנען?

ביניאָמין זאָגט.

— וואָס טענטלסטו אויף דער געמאָרע? — שרײַט דער ראָוו ווילסט נישט לערנען, פאָר אַהיים, ווער אַ שוסטער.

פון אַלע טישן קוקט מען אַהער. אויף אַ ווײַל ווערט שטיל. באַלד נעמט ווידער רוישן און ברומען ווי אין אַ בינשטאָק, דער ראָוו גייט אַרויף און אַראָפּ ווי אַן אײַנגעשטילטער שטורעם־ווינט, וואָס קאָן יעדע רעגע ווידער אויסברעכן — ער פּיפּקעט האַסטיק אַ ליולקע ציבעך און קוקט אַרום זיך, צי עס ווערט געלערנט.

גייט ביניאָמין איינמאָל צוריק פון מיטאָג. ס'איז שוין מינכע־צײַט, ווי פון פלאַץ לעבן דער שול הערט זיך אַ יאָמערלעך געוויין. ביניאָמין גייט צו זען ווער עס וויינט. אין אָפענעם קעמערל, ווו דער שויכעט שעכט אויפעס, שטייט אַ באָכערל, האַלט דעם קאָפּ אַרײַנגעטון אין אַן אָפענער טון פעדערן און וויינט דאָרט אַרײַן.

— וואָס איז דיר, סטערצעווער?*) — ווענדט ער זיך צו אים

*) אין די יעשיוועס רופט מען די באָכערים לויט זייערע שטעט.

און נעמט אים פרײַנדלעך אָן בײַ די אַקסלען — וואָס ווײַנסטו? האָסט נישט קיין טעג?

יענער האָט זיך פאַרשעמט, קלוימערשט אַ שמייכל געטון ווי צו ווײַזן, אַז ס׳איז גאָרנישט, אָבער ער האָט אַ לאַנגע צײַט נישט געקאָנט רעדן. ערשט אַז ער האָט זיך אַביסל באַרויִקט, האָט ער ביניאָמינען דערציילט, אַז מ׳האָט אים געשריבן פון דער היים, אַז זײַן קליין יאָריק ברודערל קען שוין רעדן און זאָגט מאַ...

ער האָט נישט פאַרענדיקט, זיך נאָך אַמאָל צעוויינט און קוים אַרויסגעהעשעט:

— ס׳קינד... רופט... מאַמע... און די מאַמע... ליגט שוין באַלד אַ יאָר אין קייווער. אין דער היים איז דאָ אַ שטיפמאַמע... אַז כ׳וואָלט געהאַט אַ מאַמע, וואָלט איך נישט... געגעסן... בײַ פרעמדע... טישן...

ביניאָמין האָט זיך דערמאָנט אין זײַן היים... און ער האָט אויך שיִער צעוויינט זיך. — זיי זענען דערנאָך געגאַנגען לאַנג, לענגויס דעם געפרוירענעם טײַך, איינער פאַרן אַנדערן אַראָפּגערעדט זיך די הערצער, שעפּטשענדיק. אַלץ אַראָפּדערציילט, די פּײַנען פון זייער קורץ לעבן. ס׳איז זיי געוואָרן לײַכטער. דערנאָך זענען זיי זיך צעגאַנגען יעדער אין זײַן ווינקל, צו זײַן געמאָרע.

אויף שאַבעס כאַנוקע איז ביניאָמין אַביסל אַהיימגעפאָרן.

נאָך צוויי וואָכן פריִער האָט ביניאָמין אַהיים צוויסנגעטון מיט יערוכעם דער מומע כאַנעס, וואָס איז אַהערגעקומען אויפן יאָרמאַרק פאַרקויפן פעלצן, אַז ער וועט קומען. און די נאַכט וואָס פאַרן פאָרן איז ער שוין געשלאָפן בײַם באַלעגאָלע, קעדיי פאַרטאָגס אַרויסצופאָרן.

ער איז נישט געווען אַליין, ביניאָמין, אַ סאַך באָכערימלעך זענען מיט דער זעלבער פור געפאָרן, טייל העלפט וועגס און דערנאָך צוצולויפן צופוס אַ שטיקל, אַנדערע האָבן געהאָט צו פאָרן דורך ביניאָמינס שטאָט — ס׳איז געווען אַ צען

צוועלף יינגלעך אין ביניאָמינס עלטער, פריילעכע, גליקלעכע פון גיכן זײַן אין דער היים.

די נאַכט איז זיי פאַרגאַנגען אָן אַן אויג צוצומאַכן, היימלעך און לוסטיק. מ'האָט געשטיפט אויף וואָס די וועלט שטייט, אַוש די יידענע, די באַלעגאָלעטע, האָט נישט גע־קענט זיך קיין אייצע געבן מיט דער צעבריקעוועטער כעווּרע.

דערפאַר אַז ס'איז געקומען אינדערפרי צום פאָרן, איז די כעווּרע יינגלעך געלעגן אויסגעלייגט אויף דער ערד, פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. ס'איז זיי שווער געווען צו דער־וועקן. דעמאָלט האָט דער באַלעגאָלע, איציקל — מיט די אַרויסגעזעצטע אויגן ווי די ציבעלעס, שוין אַן אָנגעטוענער צום פאָרן, אין דער בורקע מיטן באַשליק, אַרומגעבונדן אויפן בויך מיט אַ טאָפּלטן רימען — גענומען אַ קנאַל מיט דער בײַטש איבער די קעפּ פון די שלאָפנדיקע: אַ קנאַל און נאָך אַ קנאַל. האָט זיך די כעווּרע אויפגעכאַפּט ווי די אָפּגע־בריטע, מיט אַ קרעכצעניש און אַ רײַבן זיך די זײַטן און פלייצעס... און איציקל שטייענדיק אַזוי אויף די פעסטע קלעצלדי־קע פיס אַרײַנגעטון אין פילצענע שטיוול און נאָך האַלטנדיק אויסגעשטרעקט די בײַטש אין דער באַהענטשקעטער האַנט — גרייט נאָך אַ שמאַגע צו געבן איבער די פלייצעס, אַז עס וועט נייטיק זײַן — האָט הירזשנדיק געלאַכט:

— כניאָקעס, שטשעניאַקעס! בײַנאַכט ווען אַלע שלאָפן בראָיעט דאָס אַרום ווי די פרײַמוירערס. מיין יידענע האָט מיר דערציילט — און איצט ווען די פערד שטייען שוין געשפּאַנט— פּאָפּט דאָס ווי נאָך אַ הייסער מיקווע.

כעווּרע זענען דערווײַל שוין געווען אויסגעטשוכעט, אָפּגע־גאָסן נעגל־וואַסער, אויף דער גיך געוואַשן זיך, אָפּגעפּרעפּלט „פון פאָרנט”. דער באַלעגאָלע האָט אָפּגענומען אויף פריער די „פאָר טאָלער” — צו פערציק גראָשן פאַר אַ פאַרשוין, אַלציינס ווו ער האָט צו פאָרן. כעווּרע האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן וואָגן, אַביסל זיך געאַמפּערט, געבאָכעט זיך אין די זײַטן און סאָפּקאָל־סאָף זיך אײַנגעזעצט אויף גוט.

— ווי—יאָ! — האָט איציקל אַ געשריי געטון צו זײַנע „פּאַרנאָסע-געבּערס“ און זיי מעכאַבּעד געווען מיט אַ בײַטש אויף אַ „פּאָטשאָנטעק“, נאָך אַמאָל: ווי—יאָ! די צוויי סוסים אַ ברוינס און אַ גרוי געשפּריצטס מיט שמוציק געל, אַ הויכס און אַ נידעריקס, האָבּן שווער און געלאַסן, ווי פּאַרמויעכטע ייִדן, אַ שלעפּ געטון דעם וואָגן און — יאַזדאַ! מ'פּאָרט.

דאָס ערעוו אַהיימפאָרן איז געווען אַ סאַך וואַרעמער און האַרץ־דערפרייענדיקער ווי דאָס אין דער היים זײַן. — אין דער היים איז געווען נישט היימלעך. דאָס זאָלאָשינער מיידל האָט מער נישט געאַרבּעט קיין זאָקן. די פּאַרדינסטן זענען געווען אַזעלכע, אַז עס האָט נישט געלוינט צו האַלטן אַ מענטש. מאַלקע האָט אַליין געאַרבּעט, געזעסן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט און געדרייט די מאַשין, געדרייט גיך־גיך, נישט פאַרגונען זיך אָפּצוּעטעמען, קעדיי ס'זאָל מער זאָקן פאַרטיק ווערן, קעדיי ס'זאָל אַביסל מער בלײַבּן פאַרדינסט.

פון דער אַרבּעט, פון דעם נאָכאַנאַנדיקן דרייען די קאָרבּע, איז מאַלקען אויף דער האַנט בײַם געלענק אַרויסגעוואַקסן אַ בּולעדער געלענק־בּיין איז אַרויס פון זײַן אָרט ווי אַ בּערגל אויפן האַנט־שלוס. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז די האַנט איז צו דעליקאַט צו אַזאַ שווערער אַרבּעט, בּאַפוילן נישט צו אַרבּעטן. מאַלקע האָט אָבּער געמוזט אַרבּעטן. זי האָט געלאַכט, געזאָגט, אַז ס'טוט איר גאָרנישט וויי. די מאַמע האָט בּאַהאַלטענערהייט געקרעכצט·

יִסראָעל נויעך האָט זיך שוין אויך געשאַרט אַרום די זאָקן-מאַשינדלעך. ער האָט ליבּערשט געוואָלט אַרבּעטן ווי גיין אין כיידער. די מאַמע איז געזעסן בײַם שפּאָל-רעדל, געוויקלט גאַרן אויף די שפּאָלן, מאַלקע זאָל האָבּן צו אַרבּעטן. אַפילע די קליינע סימעלע האָט אויך שוין געהאַט אַן אַרבּעט: גלײַך געסאַדערט די פולע שפּאַלן און צודערלאַנגט דער מאַמען פון קאַסטן אַרויס די ליידיקע.

אַזוי זענען איצט אין דער היים געפלאָסן טעג ווי די מוטנע רעגן-טראָפּנס פון אַ רינע אין אַ שפּעטער האַרבּסט-

נאַכט. ס'איז נישט געווען קיין שטראָל וואָס זאָל וואַרעמען, דער־פרייען. ביניאָמין איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז אַפילו קיין מיט־לייד האָט ער נישט געפילט. ער איז געווען קימאַט גלײַכגילטיק. אין דער היים איז יעדער באַזונדער שוין עפּעס געווען ווי אַ מענטש פאַר זיך אַ פאַרשלאָסענער. פונדעסטוועגן איז נאָך אין שטוב געווען ריין צוגערוימט, באַלעבאַטיש און פאַר אַ פרעמד אויג וואָלט שווער געווען צו דערקענען דעם כילעק קעגן אַנדערע באַלעבאַטישע מישפּאָכעס.

מיט באַקאַנטע און כאַווײרים האָט זיך ביניאָמין ווייניק געזען, אַ כוץ מיט לייבלען און מיט נאָך עטלעכע אין בעסמעדרעש. נאָר איינמאָל, אַ טאָג צוויי פאַרן צוריקפאָרן, האָט ביניאָמין גיי־ענדיק דורכן מאַרק פון פעטער יאָסלס געוועלב, געהערט הינטער זיך אַ באַקאַנט קאָל. ער האָט זיך אומגעקוקט און געבליבן שטיין פאַרגאַפט — לושע איז געגאַנגען מיט נאָך אַ מיידל און אַ באָ־כערל אין אַ גרויען גימנאַזיע־מאַנטל און ברייט היטל מיט אַ שטערנדל און געריטע רוסיש.

ווער זענען דאָס געווען דאָס מיידל און דאָס באָכערל? דאַכט זיך, העניריק דאַווידזאָנס טאָכטער און זון. ביניאָמינען האָט דאָס נישט אינטערעסירט. נאָר די לושע, ווי שיין זי איז אויסגע־וואָקסן, ווי הערלעך זי זעט אויס! ווי האַרץ־פאַרכאַפנדיק איר אַלאַבאַסטער־ווײַס פּאָנעם מיט די פינקלדיקע שוואַרצע אויגן הייבט זיך אַרויס פון דעם ברוינעם פוטער־קאָלנער; ווי אירע פיס אין די הויכע קאַלאָשן באַטרעטן דעם טראָטואַר, טריט בײַ טריט, לײַכט און שלאַנק. אָבער קיין פרייד האָט איר אָנבליק אין בינ־יאָמינען נישט דערוועקט, גיכער אַ ביטערקייט, אַ וודיקע ביטער־קייט ביז טרערן. „ריבוינעשעלוילעם, ריבוינעשעלוילעם" — האָבן זײַנע ציטערנדיקע ליפּן געפּרעפּלט. ער האָט זיך האַסטיק אומגע־דרייט פון גלאָצן לושן אין פּאָנעם און — עפּשער דאָס ערשטע מאָל אין זײַן יונגן לעבן — אַ שווערן קרעכץ געטון.

און אין דער היים האָט אים די מאַמע געפרעגט, וואָס ער זעט אויס עפּעס אַזוי בלאַס.

— טאַקע — האָט מאַלקע באַשטעטיקט קוים פאַרגינענדיק

זיך אַוועקצוקוקן פון דער מאַשין, פון דער אַרבעט — ער מוז זיך האָבן מיט עמעצן געשלאָגן.

הייבט שוין די מאַמע אָן אויף זיכער :

— זאָג, שעם דיך נישט, מיט וועלכן „צאַדיק" האָסטו דרויסן געהאַט אַ באַגעגעניש ?...

בינימין איז אָבער, פול פאַרביטערונג און צאַר, גיך אַרויס־געלאָפן פון שטוב. אין אַ ווינקל, באַהאַלטן פון עמעצנס אויג, האָט ער זיך שטיל אויסגעוויינט. נישט ווויסנדיק אייגנטלעך פאַרוואָס ער וויינט, נאָר נאָכקומענדיק אַ טיפער אינעווייניקסטער באַדער־פעניש. דערנאָך אַז ער איז צוריק אַרײַנגעקומען, איז שוין גאָר־נישט געווען אויף אים צו דערקענען. ער האָט איבערגעוואַרט ביז נאָך שאַבעס. און באַלד זונטיק אינדערפרי איז ער צוריקגע־פאָרן אין דער יעשיווע.

דעם ערשטן טאָג צוריק אין בעסמעדרעש, איז בינימין געווען דערשלאָגן. מיטאָג־צײַט, ווען מ׳לערנט נישט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף אַ באַנק, געלעגן מיטן פּאָנעם אַראָפּ און גע־טראַכט נישטפרייליכע טראַכטונגען וועגן דער היים.

אָבער אין מיטן בעסטן ליובען זיך מיט דעם זיס־ביטערן היימווי־סאַם — האָט אים עמעץ מעכאַבעד געווען מיט אַ גאַרטל איבערן רוקן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, גרייט צו אַ געשלעג אָדער צו צעוויינען זיך.

— וואָס שלאָפסטו ? גיי ברענג אַ פּעקל פּאַפּיראָסן.

פאַר אים איז געשטאַנען איינער פון די אָנגעזעענע היי־מישע באָכערים מיט אַ גלאַנץ אויפן פּאָנעם מיט אַהינטער פאַר־לייגטע פּייעס, קוים אַ זעכצן יאָר אַלט און שוין אַ כאָסען און ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ רײַך זינדל — אַמוירעדיקער שטיפער אין פריילעכער באָכער.

— וואָס האָסטו מיך צו שלאָגן ? — טײַנעט בינימין.

— שויטעלע, דאָס הייסט געשלאָגן ? כ׳האָב דיך נאָר אויפגעוועקט. מ׳טאָר נישט אַזוי צו ליגן. קומסט ערשט פון דער היים, ביסטו נאָך פויל, גיי ברענג, וועסטו אויף רייכערן.

ס'איז געווען אַ ווונדערלעכע זאַך. דער באָכער האָט גע־הייסן „דער שטרויענער סימכע", ווײַל זײַנע האָר זענען געווען פון שטרוי־קאָליר — ער האָט געהאַט אין שטאָט אַ קאַלע אַ זעלטן שיין מיידל, אַ שוואַרצע ווי אַ ציגײַנערין, זי איז געווען די טאָכטער פון אַ רײַכן טוווע־סויכער, ביניאָמין האָט דאָרט געהאַט אַ „טאָג". איצט טאַקע איז ער געווען פון דאָרט געקו־מען פון מיטאָג־עסן. ווער ווייסט, פאַרוואָס ביניאָמין האָט אין דעם מיידל געפונען עפּעס אַן ענלעכקייט צו לושען, כאָטש זי האָט אינגאַנצן אַנדערש אויסגעזען ווי לושע, דאָס טאַקע איז אויך געווען אַ סיבע, וואָס האָט ביניאָמינען פריִער אַזוי טרויעריק געמאַכט. — איצט קוקנדיק דעם באָכער אין פּאָנעם אַרײַן, האָט זיך ביניאָמינען דערמאָנט זײַן קאַלע. עפּעס האָט אים אַ צי געגעבן צום באָכער, דעם כאָסן פון יענעם מיידל. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך געמורמלט:

— איך בין דיר נישט קיין מעשאָרעס.

— אַוואַדע ביסטו נישט מײַן מעשאָרעס — האָט דער באָכער שוין פרײַנדלעך געשמייכלט מיט די גרויע לעבעדיקע אויגן — דו געהערסט אָבער צו דער ייִנגסטער קיטע (גרופּע) ביסט אַ פּרעמ־דער, כוץ דעם וועסטו קריגן צו רייכערן אויך.

אַהון־אַהער ביניאָמין איז געגאַנגען, געבראַכט פּאַפּיראָסן פון געוועלבל. ער האָט נישט גערייכערט. האָט ביניאָמין דעם פּאַפּיראָס אַוועקגעשענקט עטלעכע אַנדערע ייִנגלעך צוזאַמען. האָבן זיי ביניאָמינען דערפאַר צוגענומען אַלס שוטעף צו די קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן געבראָטן אין דער הייסער אַש פון אויסגעברענטן אויוון און געלאָזט אים זעצן זיך. די היימלעכע כעוורע האָט ביניאָמען אויך אויפגעהײַטערט. און אַז דער ערשטער טאָג איז נאָר אַוועק, איז אים דאָס לעבן צוריק אַרײַן אין דער קאָליע ווי אַמאָל.

... די פרעמד איז נישט די היים — אָבער עס טרעפט אויך אַ פרייִלעכער טאָג. אויפן געפרוירענעם טײַך, וואָס ליגט הינטערן בעסמעדרעש, האָבן פישערס געלאָזט אויסהאַקן לעכער

אין אײַז, פֿויערים מיט דרענגער אַרבעטן מײַסים אין די לעכער, טרײַבן צוזאַמען די פֿיש. דערנאָך שלעפּט מען אַרויס די גוואַלדיק לאַנגע נעץ. אַ האַלב שטעטל געפֿינט זיך דאָ און ס'גאַנצע בעסמעדרעש באָכערים היימישע און פֿרעמדע, כאַסען-באָכערים און פֿון דער קלענסטער קיטע... די ווינטער-זון שײַנט אויפֿן אײַז, דער אײַז ענטפֿערט איר מיט בלישטשן פֿון אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן. די אַרויסגעשלעפּטע פֿיש פֿון אונטערן אײַז, צעטומלטע פֿון העלן טאָגליכט און אָן וואַסער, צאַפּלען זיך אויפֿן אײַז, וואַרפֿן זיך ווי אין קאָנוווּלסיע. די זון באַלײַכט ווי פֿאַרכידעשט אויך די פֿיש. אַלע שטייען אַרום און זענען צופֿרידן פֿון קוקן, פֿון געזונטן ווינטערטאָג, און פֿון דער זעלטענער זון. פּלוצלונג קומט אַרויסצולויפֿן דער שטומער יאָסקע לאָסקער, דעם ראָווס איידעמס ברודער מיט די רויט אַרומגעליאַמעוועטע אויגן:

— בוכעווים — שרײַט ער מיט זײַן נישטדײַטלעכער אויסשפּראַך — בוכעווים, דעוו וואָוו איז בײַז... שטאַוועק אין קאָס!..

דער ראָוו! — ס'ווערט אַ געלויף פֿון אײַז, אַוש די פֿישערס אין די רויע פּעסט פֿאַרגאַרטלטע פּעלצן קוקן זיך אַרום...

און אַ מינוט שפּעטער זיצן שוין אַלע בײַ די געמאָרעס פֿריילעכע, אויפֿגעפֿרישטע, עס שאַלט אַהער צום אײַז, צו די פֿיש וואָס ליגן קופּעסווײַז פֿאַרכאַלשטע, קוים באַוועגנדיק מיט די באַקנביינער ווי מיט נישט דורכזיכטיקע שײַבלעך, דאָס קאָל פֿון די לערנערס דרינען און די זון קלויבט זיך אויך שוין צו פֿאַרשוואַרצן, קײַקלט זיך איבערן גרויסן גרין-בלויען הימל אַראָפּ טיף ווו די דײַטשע גרענעץ ליגט, אַז עס קאָן זיך דאַכטן, אַז עס ווילט זיך דער זון נישט דאָ בלײַבן אַליין אָן דער יונגער כעוורע פֿון בעסמעדרעש.

*

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען דעם זלאָטשעווער, וואָס מיטן ווײַנפּערל אויף דער שטענדיק נאַסער אונטערשטער ליפּ, געכאַפּט אין שאַבעס רייכערן אַ פּאַפּיראָס אין אָפּטריט. מען האָט אים מעקײַעם פּסאַק געווען — מיט פֿאַראַר: מאָצע שאַבעס האָט מען אים אויפֿגעזוכט, געבערענגט אין בעסמעדרעש, איידעס

האָבן איידעס געזאָגט אים אין די אויגן. אַזוי גרויס ווי ער איז, האָט מען אים אַרויפגעלייגט אויף אַ לאַנגען טיש, אָנגעבויגן מיטן פּאָנעם אַראָפּ און אַזוי געשלאָגן, געמוּנטערט מיט וואַסער און ווײַטער געשלאָגן, מיט רימענס און מיט גאַרטלען אויפן לײַב. אָנגעצויגן דאָס העמד איבערן הוילן לײַב, באַנעצט דאָס מיט וואַסער, ס׳זאָל זײַן גוט אָנגעצויגן און ווײַטער געשלאָגן ביז מ׳האָט אים אַ האַלב טויטן אַרויסגעשמיסן פאַר דער טיר און מער זיך נישט געקומערט וועגן אים.

„יאָ — טראַכט בּיניאָמין — ס׳איז אַוואַדע גאַנץ ריכטיק, אַ באַל-אַווײרע קומט צו באַשטראָפן. אָבער פאַרוואָס, געוואַלד געשריגן, פאַרוואָס, אַז מ׳האָט הערש לייב שמועל יודע גאָלדמאַנס זון גע- כאַפּט בײַ נאָך אַ גרעסערער אַווײרע — פאַרוואָס איז אים קיין האָר נישט געקרימט געוואָרן? באָכערים האָבן געלאַכט, און אים פאַר- געוואָרפן, הערש לייב האָט די פאָרוואַרפער געצאָלט מיט פעטש און — גאָרנישט! ער קומט אין בעסמעדרעש, לערנט ווײַטער בײַם ראָוו, ווי קיינמאָל גאָרנישט. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?״

פאַר פּורים האָבן די יעשיווע-באָכערים זיך געלערנט אַ פּורים-שפּיל „אַ רעבע מיט כּסידים״. די פּראָבעס זענען נאַכט בײַ נאַכט פאָרגעקומען אין בעסמעדרעש. דער גאַבע מאָרדכע בּיניאָמין, וואָס אין בעסמעדרעש רופט מען אים מאָרדכע „האָמען״ — האָט מאָריש אוילעמעס געוועזן, אַז די באָכערים מאַכן אים אַ טעל פון די ליכט צוליבן פּורים-שפּיל און בײַ בּיניאָמינען אין דער קוואַרטיר האָט אים די שנײַ- דערקע אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט נישט זען צו מאַכן, זי זאָל קענען בײַוווינען דאָס פּורים-שפּיל — מעג ער זיך באַ- צײַטנס שאַפן אַן אַנדער שלאָפאָרט. גראַד דעמאָלט האָט מען צופעליק געפונען אין דעם שיימעס-קעלער זיצן צוויי באָ- כערים און לייענען עפּעס לאָשן-קוידעשדיקע ביכלעך. בּיניאָ- מין האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָסערע ביכלעך דאָס זענען. אין בעסמעדרעש האָט מען זיך דערציילט, אַז ערגעץ אין קראָך זענען פאַראַן אַפּיקאָרסים, וואָס שרײַבן די ביכלעך קעדיי אַראָפּצופירן פון רעכטפאַרטיקן וועג. עלע בער מיט די רוי-

טע ברעמען ווייסט, אז — די דאָזיקע ביכלעך זענען פאַר דער נעשאָמע דאָס זעלבע, וואָס סאַם פאַרן גוף: „איך ווייס, איך האָב שוין געזען איינס, נאָר איך האָב מוירע געהאַט אַרײַנצוקוקן״...

גוט — דאָס אַלץ איז פאַרשטענדלעך. פאַרוואָס אָבער האָט דער פּראָשקער געמוזט דערפאַר אַרויס פון דער יעשיווע? נאָך דעם זעלבן טאָג האָט דער ראָוו אַרומגעשיקט אים צונעמען די „טעג״ און אַרן, דעם רײַכן זאַלץ-סויכער יעכיעל מאַזעס בען יאָכיד — דער געכאַפּטער צוזאַמען מיטן פּראָשקער — קומט ווײַטער אין בעסמעדרעש. דער ראָוו האָט אים גלײַך אַרײַנגערופן צו זיך און אויסגעמוסערט און מער גאָרנישט. ער לערנט אויך ווײַטער בײַם ראָוו דעם „שיִער״.

— פאַרוואָס?

וואָס נענטער צו פורים, אַלץ ווייניקער איז אין בעסמעדרעש געלערנט געוואָרן דעם ראָווס „שיִער״ מיט דער קליינער קיטע איז אינדערפרי. דערנאָך האָט זיך דער ראָוו שוין קנאַפּ אַרײַנגעוויזן אין בעסמעדרעש. ער האָט געהאַט צו טון מיט זײַנע איניאָנים צום אָנקומענדיקן פּייסעך...

אין בעסמעדרעש זענען קעסיידער אָפּגעהאַלטן געוואָרן פּראָבעס פון פורים-שפּיל. דער גאַבע מאָרדכע „האָמען״, וואָס האָט געשטערט, האָט באַקומען זײַן פּסאַק. ווען ער איז אין אָוונט נאָך מײַרעוו אַרויסגעגאַנגען דער לעצטער פון בעסמעדרעש, האָט עמעץ אין פינצטערן פעדערהויז אַריבערגעוואָרפן אַ שמאַטע אים איבערן קאָפּ און ער איז אַרויס מיט צעשעדיקטע זײַטן, נישט וויסנדיק ווער ס'האָט אים דאָס געטון. און אַפילע די פּאָליציי, וואָס ער האָט באַלד געברענגט אין בעסמעדרעש אַרײַן, האָט אים אויך נישט געקאָנט העלפן. איז ער לעסאָף אָפּגעזעסן, מער זיך אין גאָרנישט געמישט:

— מײַן געשלאָגענע קאָפּאָרע זענען זיי מיטן פורים-שפּיל צוזאַמען — מיך וועלן זיי נישט בעדאַלעס שטעלן און קאָהעלס סטרוזש בין איך נישט.

און אַז ער איז אָפּגעזעסן, זענען די באָכערים מיט אים

שאָלעם געוואָרן. ער האָט שוין דערנאָך אַפילו בײַגעוווינט די פּראָבעס אויך. די באָכערים האָבן אים אויפגעוויזן, אַז מיט דעם פּורים-שפּיל טוען זיי אויף אַ גרויסע זאַך לעשעם שאָמאַיִם — אַ וויכּוּעך צווישן אַ כאָסיד און אַפּיקוירעס. דער כאָסיד געווינט, דער אַפּיקוירעס האָט אים נישט וואָס צו ענטפערן. ער רײַסט פון זיך אַראָפּ דעם קראַגן, דעם שניפּס און דאָס פאַרהעמד — טוט זיך אָן שיך-און-זאָקן און ווערט אַ כאָסיד.

— אַז איך וואָלט דאָס פריִער געוווסט, וואָלט איך באַלד נישט געשטערט—האָט געזאָגט דער איידל געוואָרענער בעסמעד-רעש-גאַבע.

די באָכערים האָבן אים הינטערן רוקן געמאַכט נעז, גע-שושקעט זיך אין די אויערן אַרויסשטעקנדיק די צונג:

— אַז מ׳האָט דעם קעלעוו געגעבן צו שמעקן טאַבעק — איז ער אַ גוטינקער.

בּיניאָמינען האָט זיך אײַנגעגעבן צו ווערן אַ שטיקל „גויסע קיילים״ (געהילף) בײַ די פּורים-שפּילער, אָבער פאַר אַ שפּילער האָבן זיי אים נישט געוואָלט צונעמען, ווײַל ער איז נאָך צו יונג, איז זיי אַלס גרויסע באָכערים נישט אָנגע-שטאַנען, און זינגען קען ער אויך נישט, — נאָר באַדינען די שפּילערס האָבן זיי אים יאָ דערלויבט.

בּיניאָמין איז דעמאָלט שוין גאַנצע טעג פרײַ געווען פון לערנען און זיך געפּאָרעט מיט די פּורים-שפּילער.

און דער ליבער פּורים איז געקומען, אַ שיינער ליכטיקער טאָג געווען. פון פריידיקער פאַרטוטנקייט איז בּיניאָמין אַפילו נישט געגאַנגען ווי די איבעריקע „פּרעמדע״ מיטן פּושקעלע, קלײַבן שלאַכמאָנעס-געלטער צו האָבן צו באַצאָלן שלאָף-געלט דעם שנײַדער „קישקע״.

אויף דער נאַכט האָבן די פּרעמדע זיך געלאָזט אָנגרייטן אַ פּורים-סודע בײַ מענאַשע מייערן אין טיי-שענקל. יעדער האָט געגעבן אַ פּאָר גראָשן. מענאַשע מייער מיט דער ברייטער באָרד האָט געלאָזט מאַכן אַ גאַלער, פּריטלעך און אַרבעס. די האַלב

בלינדע יידענע, די מענאַשע מייעריכע, האָט געפּראַצעוועט ווי אין זילן דאָס אָנגרייטעכץ פאַר די יעשיוואַקעס זאָל וואָס שענער אויסזען און וואָס ווייניקער קאָסטן... נאָך דעם פּורים־שפּיל וועלן זיך דאָך די באָכערים דאָ צוזאַמענקומען, אַ הוליע טון און אויפשניפּן די פאַר זיי אָנגעגרייטע גוטע זאַכן און איר, דער באַלעבאָסטע, וועט אויך עפּעס בלייבן...

איצט גייט די פאָרשטעלונג ביים ראָוו. די גאַנצע שטאָט באַלאַגערט דעם ראָווס הויז. די, וואָס האַבן שוין נישט געקענט אַריין אינעווייניק, האָבן זיך כאָטש געשטופּט צו די פענצטער — אַרייַנקוקן דרינען. זענען די טירן אַרויסגענומען פון איין שטוב אין דער צווייטער, אומעטום פול מענטשן און אַלץ דריקט זיך און אַלץ שטופּט זיך, רוישט און באַוועגט זיך, ווי די כוואַליעס אין טייך. לאָמפּן ברענען, ליכט שמעלצן זיך, עס פינקלען מיט רעגנבויגן־קאָלירן די בריליאַנטן און די אויערינגען פון ראָווס טעכטער און שנור. כסידים אין שטריימלעך, אין סאַמעטענע היטלען און דאָ און דאָרט זעט זיך אויך אַ קאַפּעלוש — דאָס זענען אויך כסידים עקספּעדיטערס, וואָס פאַרברענגען דעם טאָג איבער דער גרענעץ...

ס'הערט אַ געשריי: שאַ, שאַ, שטילער, זיי קומען!...

דער עוילעם נעמט זיך שטופּן צוריק פון איין זייט אויף דער צווייטער, אינמיטן זאָל בלייבן פריי אָרט... דאָס שטופּעניש ווערט אָנראַכמאָנעסדיק. עמעץ שרייט: מיין היטל ווו איז? און ס'זעט זיך ווי אין מיטן יאַם קעפּ דעקט זיך עמעץ צו דעם קאָפּ מיט דער האַנט, כאָלילע נישט צו שטיין מיטן בלויזן קאָפּ... אַ קינדיש קאָל גיט שניידיק אַ געשריי, באַלד דערויף אַ ווייבערישער יאָמערדיקער כליפּ: מיין קינד, דערהאַרגעט מיר נישט ס'קינד! די מענטשן־כמאַרע שטייט אָבער ווי אַ מויער: קיינער וויל זיך נישט רירן וואַרטנדיק אויף די וווּנדער, וואָס וועלן דאָ באַלד פאָרקומען.

קוים מיט צאָרעס געלינגט צו מאַכן אַ וועג צו דער פאַר־

מאַכטער טיר. פון דאָרט קומען אַרײַן צו פליִען צװײ פּאַיאַצן אָנגעטון האַלב מאַנצביליש האַלב װײַבעריש מיט שװערדן אין די הענט און פּאַרוקן אויף די קעפּ און גיבן אַ זונג אַרויס:

— שענעם גוטנאָװנט, שענעם גוטנאָװנט,
מײַנע ליבע לײַטע!
האָטס געדולד, האָטס געדולד
אײַנע קורצע צײַטע.
די געשיכטע פון אַ רעבן מיט כסידים
װעלן מיר פּאַרציילן —

און אויסגעצויגן, מיט די שװערדן אין די הענט שטעלן זײ זיך אײנער קעגן צװײטן װי צװײ זעלנער אויף דער װאַך.

איסערל סטאַשעװער אַלס אַפּיקוירעס, אָנגעטון אין אַ קורץ רעקל מיט אַ קראַגן, אַ פּאָרהעמד און שניפּס, ברילן אויף דער נאָז — קװעטשערלעך, װי אַן עמעסער דײַטש מיט דינע װאָנסעלעך געמאַכט פון דרײַ האָר אַרויסגעריסן פון אַ פערדס װײדל, גיט אַ היפּ פּאָר מיט אַ זונג:

אוי, דו כאָסיד מיט די צעדרייטע פּייעס,
צי קאָנסטו מיר דעם אַפּיקוירעס דען זאָגן דייעס?

און דאָ גייט אַ לאַנגער װיקועך אויף גראַם מיט געזאַנג. ייִצכאָק אַרן אַלס כאָסיד זינגט אַ פּאָסעק און איסערל אַלס אפּיקוירעס זינגט אַ פּאָסעק. אַלץ אַרום איז אָנגעשטרענגט שטיל װי די שטוב װאָלט געװען אָן לעבעדיקע מענטשן. אַלע װאַרטן מיט האַרץ־קלאַפּעניש, װער װעט זיגן: דער כאָסיד צי כאָלילע דער אַפּיקוירעס, ביז לעסאָף גיט ייִצכאָק אַרן אַ זונג מיט ניצאָכן:

אוי דו אַפּיקוירעס,
צי איז אונדזער טוירע נישט װאָר,
שיק דײַנע לײַטלעך
צו אַלדע שװאַרצע יאָר!

דער אַפּיקוירעס קען מער נישט בײַשטיין. ער גיט זיך אונ־

טער, דער אוילעם ברעכט אויס אין אַ יובל־געשריי. אַלע פּורים-שפּילער: דער רעבע, די כסידים מיטן אַפּיקוירעס און פּאַיאַצן אין מיטן לאָזן זיך אין אַ ריקעדל. דער ראָוו הייסט שטעלן ווײַן מ׳טרינקט, מ׳הוליעט, מ׳טאַנצט. און די פּורים-שפּילער לאָזן זיך גיין צו די שטאָט־באַלעבאַטים, אויפצופירן דאָרט דאָס שפּיל. נאָך אַלעם, שפּעט בײַנאַכט קומט מען זיך צונויף בײַ מענאַשע מייערן אין טיי-און ביר-הײַזל. מ׳לאָזט זיך ווילגיין אויף וואָס די וועלט שטייט, מ׳הוליעט ביז אינדערפרי.

יאָ, דער פּורים איז אַדורך פריילעך. דערפאַר אָבער איז דער נאָך-פּורים געווען נישט פריילעך. בײַם שנײַדער האָט מען זיך צו ביניאָמינען אַ נעם געטון. די שנײַדעריכע מיטן שיינעם פּענעמל, האָט געהאַט צו ביניאָמינען טײַנעס, פאַרוואָס ער האָט נישט געזען, זי זאָל קענען בײַווײַנען די פאָרשטעלונג, ווו ער, ביניאָמין, איז געווען „דער גאַנצער מאַכער״. מ׳האָט זיך צו ביניאָמינען אַ נעם געטון אויפן רעכטן עמעס. אָפּגעטון אים שפּיצלעך אין שלאָף און אויף דער וואָך. מיילע, אויף דער וואַך האָט ער זיך נאָך געקענט אָפּווערן, אַז מ׳האָט אים אָבער אין שלאָף אונטערגעגאָסן וואַסער אין בעט אָדער ענלעכס, האָט שוין ביניאָמין געמוזט פון דאָרט אַוועק אַנדערשוווּ שלאָפן.

איז ווידער געוואָרן אַ מײַסע מיט די זאַכן. אַזוי ווי ביניאָמין האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר דער אָפּגעשלאָפענער צײַט, האָט מען אים פאַרהאַלטן די זאַכן פאַרן כויוו.

ס׳איז געווען שלעכט. אָבער ביניאָמין האָט נישט פאַרצווייפלט. יערוכעם דער מומע כאַנעס איז געקומען צו פאָרן אויפן יאָרמאַרק, איז ער מיט ביניאָמינען אַהינגעגאַנגען צו פּייסעך קישקע. אָבער יערוכעם האָט נישט געטויגט צו אַזעלכע אַסאָקים. ער איז באַלד אַרײַנגעקומען טיטולירנדיק אים מיטן צונאָמען. ער האָט אַן עפן געטון די טיר מיט אַ ברייטן:

— גוט מאָרגן, ר׳ פּייסעך קישקע — אַזוי אַז ער האָט שיִער די גאַנצע מײַסע קאַליע געמאַכט. נאָך אַ רעגע וואָלטן זיי ביידע

פון דאָרט אַרויס מיט צעבראָכענע ביינער. וואָרן די געזעלן האָבן אויפן מײַסטערס ווונק זיך שוין געהאַט געכאַפּט פון די זיץ־ער־טער שפּײַענדיק זיך אין די הענט פאַר קוראַזש וועגן און די שנײַדעריכע האָט שוין געהאַט געעפנט איר בייז זינגעוודיק קעלעכל, זוכנדיק אַ קליי־זאַין.

איז דאָך אָבער יערוכעם אַ פּיפּיקער מאַרק־סויכער, וואָס קען זיך אַן אייצע געבן מיט שיקערע פויערים — האָט ער באַלד דעם דישעל אַנדערש אַ קערעווע געטון, אָנגעהויבן מיט גוטן: אַ שיק געטון ביניאָמינען נאָך דעם עמעסדיקן טרונק בראָנפן. ביי אַ קויסע נײַנציקער מיט אַ פאַרבײַסן איז מען פאַרטיק געוואָרן. אַביסל גוטע ווערטער — מ׳איז דאָך נישט כאַלילע קיין גאַזלאָנים אין וואַלד, איז מען דורכגעקומען.

יערוכעם מאַכט דאָס אַזוי פײַן. ער גיט אַ לאָז אַראָפּ די גרויסע ליפּן, אַ שפּרייט אויס די האַנט אין דער לופט, ווי אַ טעלער, רעדנדיק מיט זײַן לאָשן פון יאַרמאַרק:

— נו, וואָס, נו וואָס, ס׳זאָלט מיר לעבן, ווילט עך דאָ מער אַרויסקוועטשן פון אַ ייִנגל אַ יאָסעם? וואָס האָט ער הי געשעפטן געמאַכט? די מוטער אַן אַלמאָנע.

און ווי ביניאָמין האָט נישט ליב די ראַכמאָנעס־רייד אויף זײַן כעשבן, איז ער דאָך צופרידן געווען, אַז דער שנײַדער האָט אים אַרויסגעגעבן די זאַכן. ער האָט אים נאָך אַפילע דערלויבט דאָ צו שלאָפן ביז צום זמאַן אָן באַצאָלט.

ביניאָמין האָט זיך פון דער טויווע פרײַנדלעך אָפּגעזאָגט, דאָס קעסטל זאַכן האָט ער אַהיימגעשיקט מיט יערוכעמען און אַזוי ווי ס׳איז שוין געווען האַרט פאַרן זמאַן און גענוג וואַרעם — איז ער דאָס שטיקל צײַט געשלאָפן אין בעסמעדרעש, קעדיי אַהיימצופאָרן פאַר ערעוו־פּייסעך, ווי יעדער לײַטישער יעשיווע־באָכער.

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

**פּרייז 45 גר.** **№ 16.** 25 STYCZNIA 1936

# „Kinder - Frajnd"

DWUTYGODNIK **Wydanie A**

Adres redakcji i administracji: Warszawa, Miła 33 m. 24.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTRÉAL
יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה היהודית העממית

דעם 10 פעברואַר 1936 דערשיינען:

**ביבליאָטעק „א".**
**ש. האָראָנטשיק**
**ביים שוועל**
לעצט בוך

**זשורנאַל**
**קינדער פריינד**
פאַר קינדער און יוגנט
**נומער 1**

**ביבליאָטעק „ב".**
אין צוזאַמענהאַנג מיטן טויט פון מייסטער פון קינדער-ליטעראַטור
**ר. קיפּלינג**
**מייסעלעך**

אַדרעס פאַר געלט (דורך אַ Przekaz Rozrachunkowy):
„Kinder - Frajnd", Warszawa, Kartoteka 662.
ביים שיקן געלט גענוי אָנווייזן אויף וואָס דאָס געלט ווערט געשיקט.

**לייענט אונדזערע פּראָספּעקטן אין דעם בוך!**
**באַניייט גלייך דעם אַבאָנאַמענט!**

SZ. HORONCZYK — BAJM SZWEL

Druk. „RENOMA", Warszawa. זעצערײַ גלאַנץ, מלאָווסקע 4.